STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06140

MAYSES UN LIDER FUN ALE TEG FAR GROYS UN KLEYN

Sarah Barkan-Silverman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שרה באַרקאַן

מעשיות
און
לידער פון אַלע טעג
פאַר גרויס און קליין

אילוסטראַציעס פון מיין טאָכטער
אידיט סילווערמאַן-מילער

1956

STORIES AND SONGS OF EVERY DAY
FOR BIG AND SMALL

By SARAH BARKAN

Copyright by

SARAH BARKAN SILVERMAN
14 Taranto Ct.
Maplewood, N. J.

געווידמעט מיין פאַמיליע

ביכער פון זעלבן מחבר:

„גוט פרילינג"

„מאטאָנעס"

„וועגן זיך און אייך"

אַרויסגעגעבן פון משה סילווערמאַן
מיט דער הילף פון
שרה באַרקאַן לייען-קרייז, אידישער קולטור-און הילפס-
קלוב, עמאַ לאַזאַרוס קולטור-קלוב, עמאַ לאַזאַרוס לייען-
קרייז און דער נוואַרקער פאָלקס-כאָר.

PRINTED IN U.S.A. 209

אינהאַלט

לידער פון אַלע טעג

מיט מיין גליק, דעם אָפּגע־שפּאָרטן ... 7
דורכגעליכטיגט איז מיין אומעט ... 9
מאַי בלומען ... 10
אַ וואַקאַציע־ליד ... 11
פאַרנאַכט ביים ברעג ים ... 13
גוט־זומער דיר, ים! ... 14
גוט־פרילינג דיר, וואַלד! ... 15
האַרבסטיגע בלעטער ... 16
האַרבסט ... 17

צייט־מאָטיוון

צום צוזאַמענפאָר פון פעלקער פאַר שלום ... 19
טיף פאַרוואָרצלט איז די היים ... 20

לידער פון מאָמענט

מיין אינגל ... 21
ניט דערלעבן!... ... 22
שאַלט, פרײדלעכע טרומפייטן! ... 23
דער בריוו ... 24
ער איז מיין טיר פאַרביי־געפאָרן ... 25
ווען מען לייענט די נעמען... ... 26
עס ווייזט אַ טאָכטער פון ישׂראל ... 27
דעבס ... 28
דער 7 מיטן נול ... 29
ווידער בליט מיין שטאָט ... 30
לאָמיר ניט זיפצן ... 31
אַ דיכטער ... 32
אין טויטן הויז ... 33
לידער ווי קינדער ... 35
אַ דאַנק ... 36
דערמאָנונג ... 36
ווען מען לינטשט אַ נעגער ... 37
אין באַן ... 38
אין די סלאַמס ... 39
די ערד ווינט ... 40
ערב ערשטן מאַי ... 42
ניטאָ קיין פּרייז פאַר אַ לייען־קרייז ... 44

אַ מאַמע רעדט

איך לערן פון אַ סטאַיע פייגעלעך ... 45
אַ טעקסי־טרייבער ... 46
דער פּאָעט אין היינטיגן לעבן ... 48
מיין ערשט ליד ... 49

וועגן דיכטער לעבן

זיי מיר מקנא ... 51
אַן ענטפער ... 51
מיין מאַמע׳ס דריי לייכטער ... 52
צו איינעם ... 52
זאַראַנען ... 54
אַ בילד אין סאַבווי ... 55
אַ אינגל ... 56
צום יובילײ פון „מאָרגן־פרייהייט" און כאָר ... 57
דער גרייז־גראָער מאַן ... 58
מתנות ... 59
מיין שוועל ... 59
אויפן האַדסאָן ... 60
אַ מאַמע רעדט ... 62

לידער פון מונטערן טאָג

מיר ווילן פרידן! 63
די קאַץ 64
איר ערשטער „דעיט" 64
די קרוין פון אַ מאַמע 66
אַ לויב דעם בעזים 67
פאַראַנגען מאַמעס 68
מיר, די ווייבער 69
אַ ליד מיינע הענט 69
די באַלאַדע פון אַ אידישער „קענדי סטאָר" 70
אַלטע פריינט 73
זאָל זיין מיט מזל! 74
שניי צייט 75
אַ זומערדיקע ליד 76
די כאָרן געווידמעט 76
אַ „פּריין פּאַיט" 77
דריי הונדערט יאָר אידן אין אַמעריקע 80
אין טיפן וואַלד 82
חיים דער בלעכער 83
אונזער פאַלקס־אָרדן 84
אַלגין, מיין מאַמע און איך .. 85

קינדער־לידער

אַ מאַמע אויף דער וואַך 97
מיין קליינע אַקטריסע 98
אַ סטאַטוע פון לינקאָלן אין נוואַרק 99
אַ היים פאַר פייגעלעך 100
די וועוועקע 100
משה און פיטער 101
דער גוטער וואַלקן 102
אַ כוואַליע וויל זען די וועלט.. 104
יאַנקעלע, נעבעך 105
קעצל און הינטל 106
לידער וועגן פייגעלעך 107
די צווי ברידערלעך 108
דער קלוגער יאַנקעלע 109
אַ רעגן 110
יאַנקעלע און זיין „זו" 110
דאָס כינעזיש ליד 112
ברענדי 113
זינגט די זעג 114
קלאַפּט דער סטאָליער 115
גוט פרילינג דיר, גאָרטן! .. 116
דער האָן 117
קינדער אין קינדער־לאַנד ... 118
מיין יענקעלע שטיפער 119
דער ווינטער און דער מאָלער...120
אַ מעשה וועגן אַ סטראשילדע מיט אַ פויגל 123
דאָס מיסט־פעלד און די בלימעלעך 124
מיין שכנה — אַ נעגער־פרוי .. 126
יאַנקל און די קאָר 128
געוואונען 130
דער אָרעמאַן און דער ווינטער 131
חנוכה ליכטלעך 134
פסח אין מיין אַלטער היים .. 135

מעשה׳לעך

די שטיינער און די בלומען... 139
די קלוגע קאַץ 141
ווי אַזוי מיר האָבן זיך גע־לערנט פון די פייגעלעך .. 143
דער סוף איז גוט 145
זיי דערפילן דעם טעם 148
דאָס מייזל און דער לייב 151
דער גוטער פאָטער און זיינע צווי זין 153
דער שיכור 157
אַ מעשה וועגן אַ נאַריש איינגל 158

לידער פון אַלע טעג

מיט מיין גליק, דעם אָפּגעשפּאָרטן

מיין שרייב־טיש וואַרט מיט פולן טינטער,
מיין האַרץ איז גרייט, ווי בוים צעגרינטער.
עס רופט און בעט דער קלאָר־פּאַפּיר —
שיק צו וועלט אַ ליד דורך מיר !

נאָר מיין קאָפּ איז שווער פון נעכטן נאָך,
עס בייגט זיך איין פון צער, און יאָך —
דער בעזעם רופט, דעם דיל צו קערן,
דער זייגער קלאַפּט איך זאָל אים הערן.

עס וואַרט דער טאָפּ איך זאָל אים וואַשן.
דער שפּיגל ווייזט מיין פּנים בלאַסן.
די מידקייט מאַכט שווער די אויגן,
די פינגער האַרט, און שווער צו בייגן.

אויף שויבן זיצט אַ קאַלטער רעגן —
מיר דאַכט געשיקט פון מיינעטוועגן...
עס רינען טראָפּנס, פּונקט ווי טרערן,
דורכן לאַנגן טאָג דעם שווערן.

נאָר מיט מיין מזל מאַך איך שלום,
איך נעם מיר אויסשפּינען אַ חלום.
און פּלוצלינג הויב איך אָן געפינען
פּעדים און איך הויב אָן שפּינען...

און איך הויב זיך אָן צו צווינגען,
אַז איצט איז גוט אַ ליד צו זינגען.
וואַקסן אויס פון טיפע גרונטן
לידער, לידער גאַנצע בונטן.

ביים שרייב־טיש האָב איך רו געפונען,
עס האָבן לידער מיך פאַרשפּונען,
איך בין פאַרוויקלט און געפאַנגען,
איך שווים אויף ים'ען פון געזאַנגען.

מיט מיין גליק דעם אָפּגעשפּאַרטן
ווערט מיין צימערל אַ גאָרטן,
די לבֿנה און די שטערן
ציילן מיינע שורות גערן.

פֿינצטערניש אין אַלע הייזער,
איך פֿאַרגעס דעם זייגער מיט זיין ווייזער,
צוגעשלאָסן די געצעלטן,
איך האָב די שליסל צו אַלע וועלטן.

עס ווערט מיין לעבן ניט דערווידער,
ווען איך פּוץ עס אויס אין לידער,
מיט מיינע גליקלעכע געפֿילן,
וואָס איך טעף, קער איך דילן.

טרייב איך וואָלקנס, יאָג איך טרויער
און לאָף פֿון יעדערנס באַדויער.
איך האָב אין זיך אַ גליק אַ שטילן,
וואָס קיינער קען עס ניט דערפֿילן . . .

ווען עס שנייעט מיר אויף די שויבן,
זע איך סטאַיעס קלאָרע טויבן,
אין די קלאָרע טראָפּנס רעגן
זע איך בלומען אויף די וועגן.

מיין געזאַנג מיך קיינער בעט ניט
און מיין חלום קיינער זעט ניט,
און ווען באַגינען הויבט אָן וואַכן
איז מיין ליד שוין אויף ווייטע שליאַכן...

אַזוינע נעכט איז יום־טובֿ גרעסטער.
פּאַפּיר — מיין ברודער, פּען — מיין שוועסטער.
עלנטקייט האָט ניט קיין שליטה,
וואו די צווייִ, בין איך אַ דריטע.

איך לייטער־אויס מיין פּנים בלייכן
און ציִ זיך צו די העכסטע הויכן.
איך זע ווייִן אין פּוסטן קריגל
און מיינע הענט, ווי יונגע פֿליגל . . .

דורכגעליכטיגט איז מיין אומעט

18 קנאָספּן ברעכן דיקע קאָרע,
אַזאַ וואונדער קיין עין־הרע!
האַלטן גרינע מיילכלעך אָפן,
רופן ביימער: הערט אויף שלאָפן!

גענעצן זיך אויס די ביימער,
גרייט פּאַר פרילינג יעדער איינער;
נעמען זיך די צווייגן רירן,
און גרינע בלעטער זיך צו צירן.

האָבן בלעטלעך גרינע ציינדלעך —
צו דער זון זיי מאַכן חנ׳דלעך;
קוש איך אויס די גרינע בלעטער
און יעדער בוים ווערט מיר אַ פעטער.

אין דעם וואַלד וואו ביימער בליען
טאַנצן ביימער, לאָקן פליען,
אין די אויגן פרילינגס פייער —
גלידער רייף, ווי פרוכט אין שייער.

פעלדער וואַרטן יונגע, גרייטע,
מיט גרינע ליילעכער פאַרשפּרייטע;
ווער איך פרילינגדיק צעלאָזן
און שטעל זיך אויסציילן די גראָזן.

איז דער קונץ מיר ניט געלונגען —
טאַנץ איך מיט אַ ווינט אַ יונגן;
אויפן גראָז כ׳ליג אויסגעצויגן
און וואַש מיט טוי די מידע אויגן.

כ׳האָב די גרינקייט ניט פאַרשפּעטיגט,
כ׳ווער פון רייד אַלץ ניט געזעטיגט;

ס׳האָט מיין צער מיך ניט פאַרטיליגט —
איך האָב דערלעבט צו זען דעם פרילינג!

דורכגעליכטיגט איז מיין אומעט,
איך נעם די גאַנצע ערד אַרומעט.
אין מיינע מידע, שפעטע שעה׳ן
צי איך זיך צום טאָג, דעם בלאָען!

מאַי־בלומען

א.

צעעפנטע בלומען, וועלדער צעהוליעט,
אַ בלאָט מיט אַ בלעטל פאַרליבט צוגעטוליעט,
בליאונג פון בוימער, ווי פורפורנער פוך,
איך כאַפּ זיי און וועב מיר אַ פרילינגדיג טוך.

כוואַליעס אין אַ טייכל, אין יונגן געיעג
גלעטן און קיצלען דעם זאַמדיגן ברעג,
פרובירן אָפּשטופּן אַ ריזיגן שטיין,
ריידן אַ לשון פאַר זיך נאָר אַליין.

אין איינציגע ווערבע, בויגיג און צאַרט —
ווייס שוין דער ווינט אויף וועמען זי וואַרט,
וויגט ער די צווייגן, און גיט איר צו חן,
ווערט שוין דאָס ביימעלע שענער ווי שיין.

וויגן זיך צווייגן ווי פלייצעס אַ פּאָר —
עס גלאַנצן די בלעטלעך ווי מיידלשע האָר.
ריידן די טייכלעך מען קען ניט פאַרשטיין:
ווי קומט דאָ אַ ווערבעביים ברעג איין אַליין?

און איך בין פאַרליבט אין דער גרינקייט פון מאַי
און יאָג זיך נאָך שעה׳ן, וואָס איילן פאַרביי —
מיט ווינט אויף מיין רוקן און זון אין מיין ברוסט
האַלדז איך די רגע׳ס — פון פרילינג געקושט!

ב.

איך מיטן שופליק אין האַנט, איינגעבויגן,
מיין גאָרטן קוועלט ווי אַ קינדביים זויגן.
די ערד איז צעאַדערט, וואָרעם איר בלוט,
און איך בעט די בייטן, ס׳איז מיר גוט, ס׳איז מיר גוט!

וואָס איז אַ מערל און וואָס איז אַ באָב?
נאָר גוט איז צו עסן פון אייגענעם גאָב,
אַ ציבעלע גרין און אַ רעטעכל רויט,
דאָ בליט אַן אַרבעס, דאָרט שפּראָצט שוין קרויט.

ווען אומעטיג ס׳ווערט, און שווער מיין געמיט,
שטיי איך אין גאָרטן — כ׳וואַרט און איך היט,
דאָס וואַקסן פון גרינסן כ׳וואָלט וועלן דערשפּירן,
איז פאַר מיר אין די אויגן — מען וויל זיך ניט רירן...

נאָר ווען איך באַמערק ניט, ביינאַכט צי פאַרטאָג —
קומט זיך אַרויס מיין גרויסער פאַרמאָג —
אַ ראָזעווער מערל, אַ גרינינקער באָב,
און גוט ס׳איז צו עסן פון אייגענעם גאָב!

אַ וואַקאַציע-ליד

דער שאַפּ איז פאַרשלאָסן און וויט,
איך וויל וועגן אים איצט ניט קלערן,
אַ, ווי קען איך געציילטע טעג רו
אויף וואָכן, מאָנאַטן פאַרמערן!

איך דריק צו מיין האַרץ צו דער ערד,
און קוש יעדן גרעזל באַזונדער.
די ערד קלאַפּט צום טאַקט פון מיין האַרץ,
מיין אויג — ניט געזעטיגט פון וואונדער.

אַ ווינטל קעמט מיינע האָר,
זון שמייכלט דורך גאָלד־גרינע בלעטער,
ס'איז יעדערע בלום מיר אַ קינד,
דער בוים איז מיין ליבלעכער פעטער.

דער טייך איז אין גרין אויסגעצירט,
אויף שיפלעך עס שיפן זיך פאַרן,
די כוואַליעלעך זינגען אַ ליד
פון טעג, וואָס איך האָב פאַרלאָרן.

מיין חבר'ס הענט צערטלען מיט זון —
ווי לייכט ס'איז דאָ לעבן אין צווייען!
די זומער־וועלט בעט זיך ביי אונז,
מיר זאָלן דאָ ליבשאַפט פאַרזייען.

עס סוד'ען זיך בוימער, און מיר
פאַרקלינגען דעם וואַלד מיט געזאַנגען.
דער וואַלד וועט געדענקען דעם טאָג
ווען איך בין דאָ שפּאַצירן געגאַנגען.

איך קלאַמער זיך איין אין אַ בוים,
איך וויל אים פון זיך ניט אָפּלאָזן.
דערנאָך מיין צעלויכטענעם פּנים
איך וואַש מיט'ן טוי פון די גראָזן.

***

דער שאָפּ וואַרט מיט שוויס און מיט מי,
און ווידער מיין בלוט אויסצחויגן.
פאַר מיר איז היינט זומערדיג פרי —
איך קוש אויס דעם טאָג מיט די אויגן!

פאַרנאַכט בײַם ברעג ים

דער ים, אין טונקל־גרינעם נאַכט־העמד,
זינגט אַ ליד פון שלאָף און רו,
די װײַטקייט בויגט אַראָפּ דעם הימל —
פון װײַט װינקט דער ערגעץ־װאו . . .

דער זאַמד, פון זון אָן אָפּגעברענטער,
דעם מענטשנ׳ס קול עכאָט אויפ׳ן ברעג,
טריט פאַרבליבן, איינגעפורמעט,
האַלטן סוד פון יעדן איינעמ׳ס װעג . . .

דער ים — אַ טיש פאַר יעדן אַ געגרייטער,
דאָך בייזע װינטן רייסן פרידנס װײַסע קרויזן,
כװאַליעס װאָרענען, מאָנען און דערמאָנען —
הערן ניט אויף צו שטורעמען און ברויזן . . .

אַ פויגל פליט, ער הוליעט אין די הויכן,
אַ פיש אין מויל — און איילט זיך צו זײַן נעסט;
לאַכט פון עראָפּלאַנען, פּאַטשט מיט זײַנע פליגל
און הויבט זיך העכער נאָך אין לופט פאַרמעסט.

אַ פײַער־קנויל האָט זיך טויזנט מאָלען דערטרונקען,
װיל זיך אָנכאַפּן כאָטש אָן אַ פעדער —
עס פלעכטן זיך רינגלעך אויפ׳ן װאַסער —
עס יאָגן זיך רעדעלעך נאָך רעדער.

גוט-זומער דיר, ים!

1.

גוט־זומער דיר, ים, אָט בין איך דאָ ווידער!
נעם מיך אַרום און הייל מיינע גלידער.
גוט־זומער איך, כוואַליעס, ביז גאָר קלענסטן טראָפּן,
און גאָלדענער זאַמד, וואָס ליגט מיר צוקאָפּן.

2.

און מענטשן אַזויפיל אַרום, קיין עין־הרע!
מיט קרעפטיגע קערפּערס ראָזעווע, קלאָרע;
גוט־זומער איך, הענט, וואָס ליגן און רוען
און קערפּערס באַזונטע ווי קינסטלער־סטאַטועז.

3.

גוט־זומער דיר, יוגנט, — איך זין, און איך, טעכטער,
דעם זיידענעם ווינט געמישט מיט געלעכטער!
און שירעמס ווי שוואָמען פון בונטע קאָלירן,
וואָס טוען דעם ברעג מיט נאָך שיינקייט באַצירן . . .

4.

גוט־זומער דיר, זון, מיט פאַרנאַכטיגע פלאַמען,
גוט־זומער דיר, ים, מיט די מענטשן צוזאַמען —
ווי גוט ס׳איז צו זען, ווי גוט ס׳איז צו הערן, —
זאָל נאָר קיין מלחמה די פרייד ניט צעשטערן . . .

אַ טייך איז געלעגן אין בלויען געשלייערט,
אַ קילער, אַ שטילער, און אַביסל פאַרטרויערט.
ס׳האָט דער הימל אין אים געקוקט, ווי אין שפּיגל;
ס׳האָבן געענדז זיך געבאָדן, און געפּאַטשט מיט די פליגל.

יעדער באַרג אויסגעפּוצט אין טונקעלן קיטל,
פון זון־פאַרגאַנג — אַ פלאַמיגע היטל.
ס׳האָט יעדער געקענט אַ דיכטער דאָ ווערן,
נאָר בעסער געוואָלט די פייגל דאָ הערן.

ס׳האָט יעדער געשוויגן, נאָר די שיינקייט געשלונגען.
און ווייט אין דער הויך האָבן פייגל געזונגען,
און מיר זיינען לאַנגזאַם אַזוי זיך געפאָרן,
געוואָלט, אַז פון רגע׳ס, ווערן זאָלן יאָרן . . .

און דער ווינט איז געווען אַזוי קיל, אַזוי זויבער,
מיט תפילה אין האַרצן פאַרן געטלעכן צויבער,
האָט מען די וועלדער און טייכן פאַרלאָזן,
און צו דעם אַלץ די בענקשאַפט געלאָזן.

האַרבסט

ס׳האָט דער האַרבסט אויפגעשפּילט
אַן אָפּשייד־טאַנץ —
בשעת דער זומער האָט געטראָגן נאָך
אַ בלומען־קראַנץ.
אַ פויגל האָט זיך
מיט אַ בוים געזעגנט,
און צוויי גראָע וואָלקנס —
האָבן זיך באַגעגנט.

ס׳האָט גערעגנט —
מיט געלע בלעטער אין די וועלדער,

דאָך ס׳האָבן נאָך געוואַרט —
די ניט־פאַרזייטע פעלדער,
און דער זומער אין זיינע לעצטע פאַרבן
האָט געבעטן: אוי, ער
וויל ניט שטאַרבן . . .

האָבן זוימען זיך געוואַרעמט
אין דעם הימלס לעצטע שטראַלן,
און אויף ערד געפאַלן.
האָט די ערד זיי אַלע גלייך פאַרשלונגען
און דערביי אַ שלאָף־ליד
צוגעזונגען.
און די בוימער, אָנגעפילט מיט פולע טרויבן,
האָבן אין מיין האַרץ געשפּונען —
גלויבן. האָב איך אויסגעשטרעקט די הענט
און אַלץ אַרומגענומען, ביז ס׳וועט אַ נייער פרילינג
ווידער קומען . . .

צייט־מאָטיוון

צום צוזאַמענפאָר פון פעלקער פאַר שלום

שטורעם — שטורעם — שטורעמען
זאָל אונזער טראָט! קומט און קומט, —
ציט זיך, ציט זיך פון יעדער שטאָט,
פון יעדן דאָרף, פון אַלע אַלע'ן,
ווי דורך שטיין די קלאָרע קוואַלן!

זאָל ברעכן אונזער קול
די וואַנט פון בלוט און שטאָל —
שפּאַלט — שפּאַלט דאָס האַרץ וואָס פּאָלגט
דעם גאָט פון קריג און גאָלד.
אַהין, אַהין, אַהין,
וואו שלום זעט איר ערשטן גרין!

מאַמע, נעם דיין וויגעלע מיט,
שפּאַן אים אין דיינע טריט.
טאַטע, שטיל און טיף באַליידיקט, —
האָסט דעם שלום ניט פאַרטיידיקט!
כאַפּ זיך אָן אין שלום־פאָן
און רוף, און רוף און מאָן!

מאַן, וואָס זייט און נייט און בויט —
גיב ניט אָפּ דיין גוף דעם טויט,
ס'איז אַ קאַמף דיין לעבן ווערט!
שפּאַר זיך איין מיט פיס אין ערד,
וועק זיך אויף פון וויסטן חלום,
העלף אונז, העלף ברענגען שלום!

קריך אַרויס, סאָלדאַט, פון צווינטער!
נעם דיין קוליע, אויסגעדינטער!
כלה, ברענג דיין חופּה־קלייד
און זיין לעצטן ליבע־בריוול
פול מיט האָפענונג און פרייד!
און דו, אלמנה, מיט דיין יתום,
גיי אין רייען איינגעשלאָסן,
און פאָדער ענטפער פון דער וועלט,
פאַרוואָס זיין טאַטע פעלט!
קומט, קומט אין רייען און קאַלאָנעס
אין טויזנטער און אין מיליאָנען
אַהין, אַהין,
וואו שלום הויבט הײַנט אויף זיין שטים!

טיף פאַרוואָרצלט איז די היים

יאָ, איך האָב אייך גלייך דערקענט!
דורך אַ מינע, דורך אַ לאַך.
איר האָט געבראַכט די יונגע טעג,
ווי פרילינג־רעגן אויף אַ דאַך.

ווידער זע איך יענע טעג,
יענע לידער, יענע רייד;
און דאָס לעבן פּוצט זיך אויס
אין אַ שפּאָגל־נייער קלייד.

מאַמעס, טאַטעס לעבן־אויף —
וואָס מיר דלות, וואָס מיר נויט?
ס'ציט די נאָזלעכער צום ריח
פון דער מאַמע'ס פרישן ברויט.

איך הער אַ וויץ, אַ וואָרט, אַ לאַך,
איך דערמאָן זיך אַ געזאַנג
פון חדר־אינגלעך און פון מיידלעך,
עס איז פאָלג מיך שוין אַ גאַנג!

מיר גייען דורכן פרישן שניי
אויף באַזילבערטן בולוואַר.
דורך פענצטער רופט דער מאַמע׳ס ליכט
און אַ בלאַנקער סאַמאָוואַר.

מיר טרעטן, טרעטן, פאַר נאָך פאַר —
טייער מיר דיין האַנט, דיין ריר.
דער הויך פון מויל, ווי הייסער וויין,
דיין יעדעס וואָרט אַ שירים־שיר . . .

שווער צו שיידן זיך ביים שוועל,
עס פינקלט שניי אויף יונגע קעפּ.
אַ כלה׳ס שלייער ווערט די גאַס,
אַ פּאַלאַץ ווערט פון טוכלען סקלעפּ.

יאָ, איך האָב אייך גלייך דערקענט!
ס׳איז מיין שטאָט אין יעדן ריר —
וויל טיף פאַרוואָרצלט איז די היים
אין האַרץ ביי מיר, אין האַרץ ביי דיר!

לידער פון מאָמענט

מיין אינגל

עס האָט מיין אינגל זיך נאָר־וואָס ראַזירט
דאָס ערשטע מאָל.
געביטן האָט זיך שוין זיין קול . . .
זיין לייב איז ריין
די ציינער קלאָר
און דיק די האָר.
אָך, ווי טוט ער מיך אַנטציקן!
וועט אים אַ קאַנאָן צעפּליקן?

איך שלינג אַצינד מיין טרער אין קעל,
איך שטיי ביים שוועל!
איך שטיי ביים שוועל!
עס קאָן ניט זיין!
עס קאָן ניט זיין!
דער מענטש איז ניט אַזוי געמיין —
אַזוינע האָר, אַזעלכע ציין,
אַ יונגער גוף, אַ זיסע שטים!
און איך ווער אַלט . . .
אוי, ווי דאַרף איך אים!

ניט דערלעבן! . . .

ניט דערלעבן זאָלט איר
שלאַנגען, ווערעמלעך און ליז,
אַז טייער זאָלן ווערן ברויט און רייז,
אַז דאָס בלעך פון אַלטן טאָפּ,
זאָל לעכערן מיין אינגל'ס קאָפּ!
אָפּגעדאַרט זאָלן ווערן אייערע הענט!
איידער נאָך דער פולווער ברענט, —
כדי איר זאָלט ווערן רייכער — רייכער
אויפן חשבון פון לעכערדיגע בייכער!

אויסגעטרוקנט זאָלן ווערן אייערע אויגן,
וועלכע קוקן נאָך די עראָפּלאַנען,
וואָס זיינען צום שלאַכט אַוועקגעפלויגן,
און מעסטן און וועגן שטאָל און אייזן
און קוועלן־אָן פון די הויכע פּרייזן.

איך האָב קיינמאָל ניט געשאָלטן,
נאָר היינט האָט זיך יעדער
קללה טאָל צעשפּאָלטן.

באַפֿלעק איך היינט מיין
מאַמע׳שע נשמה,
צוליב די, וואָס וואַרטן
אויף מלחמה.

שאַלט, פֿרידלעכע טרומפּייטן!

אָ, מאַמע פֿון דער גאָרער ערד!
שטאַרק דיין האַרץ, שטאַרק דיין האַרץ!
די זוכן צו מאַכן דעם הימל שוואַרץ!

עפּענען זאָלן מיילער אַלע קאָנטינענטן,
בערג און טאָלן זאָלן רעדן אויפֿן וואונק,
אונזערע נעכטיגע טרערן, אונזער מידער אָטעם
זאָלן אויסלעשן יעדן סם־המוות׳דיקן פֿונק.

מלחמה־צינדער שניידן ציינער אין די
אַכצן־יאָריקע — ווען פּיס און הענט הילצערנע
שטייען ביי די בעטן פֿון די ברידער.
אָ, שוועסטער, מאַמעס, כּלות!
זעט, מען רופֿט שוין ווידער!

טעלעפֿאָנען זאָלן קלינגען —
דראָט מיט דראָט זאָל זיך פֿאַרבינדן —
וואָרט מיט וואָרט זאָל זיך אָנצינדן.
טרובעט, טרובעט,
פֿרידלעכע טרומפּייטן!

דער בריוו

אָפּטמאָל טראַכט איך: ס׳איז ניט אמת, אַלץ איז אויסגעטראַכט,
פון אַ וואַנזיניקן דיכטער דורך אַ שלאָפלאָזער נאַכט,
ווען זיין מאַרך האָט זיך צעפּלאַקערט האָט ער דאָס געזען,
און די ערד איז בלוט געפאַרבן מיט זיין קראַנקער פּען.

ס׳האָט דער דיכטער אַלץ צעפּאַלמעסט — מענטש און ערד, און וועלט,
פּונקט ווי דאַנטע דעם גיהנום האָט אונז פאַרגעשטעלט;
ס׳איז אַ קראַנקנס ווויסטער חלום. ניין, עס קען ניט זיין!
און אין מיין כוס פון גאַל און טרערן טריפט אַ טראָפּן וויין . . .

באַלד וועל איך זיך גאָר אויפכאַפּן פון מיין ביזן טרוים
און ווידער זען מיין שטאָט מיין ליבע, און מיין גאַנצע היים.
אַלע ליבן, אַלע שאַפן, יעדער קעמפט, און האָפט,
און אַ קינד, אַ שמייכלענדיגער, אין זיין וויגל שלאָפט.

פּלוצלונג לייען איך אַ בריוול . . . אַלצדינג ווערט מיר קלאָר:
שטייפע ווי די טשוועקעס ווערן אויף מיין קאָפּ די האָר.
שרייבט אַ שוועסטער צו אַ ברודער: „כ׳וויל דו זאָלסט פאַרשטיין,
אַז פון דער גאַנצענער משפחה געבליבן בין איך אַליין!

„ס׳האָט זיי היטלער לעבעדיגע באַגראָבן אין איין גרוב
און אין פייער איינגעוויקלט אונזער גאַנצע שטוב.
ס׳האָט דער שעכטער מיך פאַרגעסן — כ׳ווייס ניט ווי אַזוי?
און איבער נאַכט בין איך געוואָרן גרויער נאָך ווי גרוי.

„געדענקסט די ציג, די קלאָרע, ווייסע, אַ קינד פון יענער ציג,
וואָס פלעגט זיך אויסציען און היטן די משפחה־וויג?
אויך די ציג, די שטילע, קלאָרע, האָבן זיי פאַרברענט:
כ׳האָב אירע ווייסע ציינדעלעך אין דעם אַש דערקענט.

„אויף די שוואַרצע חורבות זיץ איך, מיין קאָפּ דאָ אָנגעשפּאַרט,
אַז דער טויט זאָל גיכער קומען, וואַרט איך, און איך וואַרט;

וואָלסט מיך, ברודער, ניט דערקענען — אַ סקעלעט בין איך,
נאָר איך האָב קיין מוט ניט, ליבער, אויפצוהענגען זיך . . . „

אויסגעוויקט דעם בריוו אין טרערן, פון איר געוויין פאַרטויבט,
שעם איך זיך, וואָס איך האָב צווייפלען זיך דערלויבט.
ניט קיין וואַנזיניגן דיכטער מיט זיין קראַנקער פען,
נאָר דעם קלאָרן ריינעם אמת האָב איך אין בריוו דערזען.

ער איז מיין טיר פאַרבייגעפאָרן

.1

ער איז מיין טיר פאַרבייגעפאָרן,
ווי אַ לייב אין שטייג פאַרשפאַרט —
געקלונגען האָבן וועכטערס שפאָרן,
און אַ ביקס האָט אים באַוואַכט . . .

.2

כ'האָב געזען די שווערע קייטן —
שניידט דאָס אייזן דורך מיין האַרץ,
כ'וואָלט אים גערן דאָרט פאַרבייטן
אין די שעה'ן — שווער און שוואַרץ . . .

.3

ווען ער ליגט די הענט געבונדן,
וויס איך דאָך פאַר וועלכער זאַך —
ער איז גרייט צו טראָגן וואונדן —
פאַר אַן אָרעם קינד'ס אַ לאַך.

.4

וועז איך הער די קייטן קלינגען
גייט ניט אײן מיר קיין געזאַנג —
ס׳הערן פייגל אויף צו זינגען,
אויך זייער האַרץ איז פול מיט אַנגסט.

.5

צי איך זיך צו זיינע הויכן,
אויסוואַקסן איך וויל ווי ער —
ווען איך וועל אים נאָר דערגרייכן
וועט זיין קייט ניט דריקן שווער.

ווען מען לייענט די נעמען . . .

(איינדרוקן פון אַ מיטינג פון מיינע לאַנדסלייט
פון דווינסקער רעליף)

די אויגן פאַרטיפט אין דעם לייענער׳ס ליפּן,
מען זעט דאָרט אַ מאַמען, אַ שוועסטער, אַ ברודער.
עס פלאַטערן הערצער, ווי צעבראָכענע שיפן
אויף אַ צעשטורעמטן ים, אָן זעגל, אָן רודער . . .

מיט דורשטיגע בליקן זיי וואַרטן, זיי בעטן;
אָ, גיכער! אָ, גיכער לאָזט הערן די נעמען!
זיי האַלטן־איין אָטעם און בייסן די פינגער,
עס ציטערן טרערן אויף שפּיצן פון ברעמען.

דערקענט מען אַ נאָמען, לויפט מען אים כאַפּן,
ווי מאַמעס, וואָס האָבן די קינדער געפונען.
עס לויכטן אויף אויגן, ווי זון דורך אַ נעפּל.
דער ווייטאָג געלינדערט, דער טרויער אַנטרונען.

מען טאַנצט מיטן נאָמען — אַ קרוב געפונען.
מען לייענט אים איבער און נאָך אַמאָל איבער;
עס ציטערן ליפּן, עס פלאַמען די באַקן —
מיט פרייד און מיט גלי, גייען הערצער אַריבער.

און די, וועלכע בלייבן אַנטוישטע, פאַרשעמטע,
בויגן זיך איין — פון טרויער דערשלאָגן.
עס רינען די טרערן, ווי פון אַ צעבראָכענעם לאָגל,
זיי הערן ניט אויף צו וויינען, צו קלאָגן.

עס הענגט זייער חלום, ווי אַ זייף־בלאָז אין לופטן;
זיי פילן זיך עלנט, ווי איין איינציגער אַלף;
זיי זעען די ליבסטע, ווי געקוילעטע טויבן,
און היטלער — ער לעקט זייער בלוט פון זיין חלף.

עס וויינט אַ טאָכטער פון ישראל

(אויפן קבר פון פרענקלין ד. רוזוועלט)

גלאַט אַזוי זיך — אינמיטן דערינען —
האָט זיך דער טויט פון דיר אויסגעלאַכט,
ערב דעם טאָג פון שענסטן באַגינען
האָסטו אויף אייביג די אויגן פאַרמאַכט!

ערשט געקעמפט, און ערשט געהאָפט
דאָס גרעסטע גליק שוין צו דערלעבן —
ליגסטו שמייכלענדיג און שלאָפסט,
מ׳גראָבט דעם קבר, דיך צו באַגראָבן.

בלומען, בלומען, בערג מיט בלומען,
יעדע בלום — אַ מענטשנס האַרץ;
מענטשן קומען — קומען — קומען —
אָנגעטאָן אין טרויער־שוואַרץ.

מיר נעמען דיינע וואָפן איבער
און לאָזן גיין זיך אין דיין וועג,
אין דיינע טריט — מיט יונגן פיבער
צו קעמפן פאַר די פרייע טעג.

ווער שטייט עס פאַרטרויערט אין פינצטערן גרויל,
מיט שוואַרצער פען אין מאַמע־האַנט ?
איך ! אַ טאָכטער פון ישראל !
כ׳האָב שוץ געפונען אין דיין לאַנד !

ד ע ב ס

ווי לעבעדיק דו שטייסט פאַר מיר :
דער זאַל געפאַקט אַנטקעגן מיר.
עס קלינגט דיין קול ווי רעטונגס־רוף,
דו בויגסט צו אונז דיין דינעם גוף.

דו רעדסט — עס שטורעמען די הענט,
מיר דאַכט : עס ווערן ברייטער אַלע ווענט.
דו טוסט אַ גלעט דיין קלאָרן קאָפּ,
בייגסט זיך פאָטערלעך אַראָפּ.

ווי משה פאַר די אידן שטייסט,
דו לערנסט, וועקסט און טרייסט.
דיין ליכטיג וואָרט אין זיך איך באַהאַלט,
און שפּיגל זיך אין דיין געשטאַלט.

און איצט, ווען הונדערט דו ביסט אַלט,
זע איך ווידער דיין געשטאַלט.
די פליסט־אַן ווי אַ פרידנס־טויב
און קוקסט־אַריין צו מיר אין שויב.

דער 7 מיטן נול

(צום חבר און לערער י. ב. ביילין)

דיין זיבן — אַ האַק,
וואָס פינצטערניש שפּאַלט;
וואָס וואָלט האַקן האָלץ —
ווען ס'איז אימעצן קאַלט.

דיין זיבן — אַ שטעקן,
פאַר אַ וואַנדערערס האַנט —
וואָס פירט און באַוויזט אים
לענדער נאָך לאַנד.

דיין זיבן — אַ טייטל
אין האַנט פון דעם לערער,
וואָס לערנט אַליין,
און יענעם נאָך מערער.

דיין נול איז אַ רינג —
ניט פון גאָלד צי ברילִיאַנט,
נאָר רינגלעך מיט ליכט,
וואָס באַלייכט דעם פאַרשטאַנד.

דיין קול איז די רונדקייט
פון אַ פאַס פול מיט וויין,
וואָס מונטערט צום לעבן,
וואָס קרעפטיגט צום זיין . . .

ווי גוט איז דיין זיבן,
ווי וויכטיג דיין נול!
קיין איינער אומזיסט ניט,
נאָר ליכטיג און פול.

ווידער בליט מיין שטאָט

אויף די רוקנס פון די קברים
זע איך ווידער בליען שטעט;
ציען העלזער צו דער הויכקייט
מיטן טויט אין אַ געוועט.

אונטן — ביינער, שווערדן, ביקסן,
אויבן גרינט דאָרט אַ יונג פעלד;
רויטע רויזן זאָגן קדיש
נאָך אַ פּאַרטיזאַן, אַ העלד.

שטייען פאַרווינט און איינגעבויגן,
נאָר די נאַכט די תּפילה הערט;
בלומען זאָלן זאָגן קדיש,
פאַרוואָס איז זיי אַזוינס באַשערט?

דאָך נייע ווינטן זינגען לידער:
נייע לידער פאַר מיין פאָלק.
און מיין משפּחה קומט אָן ווידער,
ווי ס׳מאַרשירט אין זיג אַ פּאָלק.

ווער געפאַלן — איז געפאַלן;
פאַרפרעסט מען ליפּן העלזער דין,
איצטער איז די צייט פון בויען —
וויינען האָט מער ניט קיין זין.

קלאַפּן הערצער, קלינגען קושן,
זיך געפונען — אַך, ווי גוט!
ס׳וועלן נייע דורות קומען
פון דעם לעצטן טראָפּן בלוט.

אַלטע שולן ברייט צעעפנט,
און געבויט אַ ביבליאָטעק;
ווידער לידער אויפגעזונגען
אין אַ נייעם טאַנץ אַוועק!

זיצן פאַרלעך אין בולוואַרן,
הענט אין הענט, און באַק צו באַק;
קינדער שפּיגלען זיך אין אויגן:
שיער פאַרגעסן היטלערס האַק!

אין דעם אויסגעבלויטן הימל
דער רויך פון קוימען קריצט אַריין: —
ס׳איז די פרייד געקומען בלייבן —
מ׳וועט שוין איצט דאָ גליקלעך זיין!

זיצן ווייבער אויף די פּריזבעס,
זינגען סטאַלינ׳ען אַ ליד —
שטייט אַ איד, און זע: ער שווערט זיך,
אַז יוסף סטאַלין איז אַ איד.

ווידער כ׳זע מיין שטאָט אויפבליען,
ס׳וואַכט אויף לעבן ביי יעדער שוועל;
און בייער גלויבן הויבט אָן גליען
און זון צעשיינט זיך אַזוי העל.

לאָמיר ניט זיפצן . . .

לאָמיר ניט זיצן די קעפּ איינגעבויגן —
זיפצן און קוקן מיט טרערן אין אויגן.
מיר ווייסן דאָך גוט, אַז קיין מי גייט ניט אונטער —
עס ברענען איצט הערצער, צעפלאַמטע ביז צונטער.

פון מיילער פאַרשטומטע טראָגן זיך ווערטער,
און גרייכן די וויטסטע, פאַרוואָרפנסטע ערטער,
עס שפּריצט איצט דער צאָרן ווי פייער־וואולקאַנען,
רונד איבער ערד ער צעשפּרייט זיך פון דאַנען.

מענטשן מיליאָנען, גרויסע און קליינע
דערקענען ווי פריינט זיך און פלוכן דעם שונא,
און די וועלכע זיינען צום פייער געגאַנגען —
וועלן בלייבן אויף שטענדיק אין פעלקער־געזאַנגען.

פון סאָקראַטן ביז לעקערטן און איצטיגע צוויי,
שטאָלצע זיי שטייען אַלע אין ריי —
און גיבן אונז מוט צו בויען די בריק
צו שלום און פרייהייט, צו מענטשלעכן גליק.

כ׳וועל שטאַרקן מיין האַרץ, און מער שוין ניט קלאָגן,
נאָר הייליג אין זיך זייער אָנדענק כ׳וועל טראָגן
און רייניקן זייערע נעמען פון פלעקן, —
כ׳וועל גראָבן און זוכן — דעם אמת אַנטדעקן.

און לעשן די פלאַמען און רייסן די שטריק
און בויען פאַר צוקונפט די גאָלדענע בריק,
אַז פון זייער און אונזערן הייליגן חלום —
זאָל ענדלעך צעוואַקסן זיך אייביגער שלום.

אַ דיכטער

אין די אויגן פון אַ דיכטער
שפיגלט זיך די גאַנצע ערד,
גליקלעך דאַרף זיין די משפחה
ווען ס׳איז אַ דיכטער איר באַשערט.

דאָך ווי אָפט ווערט ער פאַרגעסן
און באַטראַכט גאָר פאַר אַ קרענק,
מוז ער זוכן ברידער, שוועסטער
ערגעץ אין אַ ברודנעם שענק . . .

טרוקן ברויט איז אים אַ מאכל;
טיי, אַזוי ווי גוטער וויין,
ווען איינער זיצט אין זון געוויקלט
פרירט ער ערגעץ, איין אַליין...

זיצט ער ערגעץ און ער אַרבעט
אויף ברויט פאַר זיך און הויזגעזינט,
איז זיין קאָפּ ניט ביי דער אַרבעט,
נאָר ביי שרייב־טיש, מיט פען און טינט.

און אַז עס לאָזט די ווייב אים איבער
נעמט זי אויך אַוועק זיין קינד,
נאָר דערפאַר ווייל ער איז דיכטער
און מאַכט קיין געלט — דאָס איז זיין זינד...

אין טויטן־הויז

(אין אָנדענק די ראָזענבערגס)

דורך תפיסה־גיגאַנטן,
דורך שטיינערנע ווענט,
זע איך פיר אויגן,
זע איך פיר הענט.

איך הער ווי זיי רופן
צו אונז פון דער הויך —
די ליפּן פאַרשמאַכטע,
די פנימ׳ער בלייך.

זיי שפּאַנען און שפּאַנען
פון בעטל צו טיר —
עס היט איצט דער וועכטער
זייער יעטווידן ריר.

די שעה'ן געציילטע,
געמאָסטענע טעג —
דער טויט ער מאַרשירט,
ער איז שוין אין וועג . . .

טיק־טאַק, קלאַפּט דער זייגער
אויף שפּיץ פון דער וועלט,
נאָר פינצטער און פּוסט איז
אין זייער געצעלט

אַן אַלטינקע מאַמע
טרערן פאַרגיסט —
זי ווייסט און זי גלויבט,
אַז זיי שטאַרבן אומזיסט.

איין וואָרט פון דעם ריכטער,
איין דריק פון אַ קנאָפּ —
און ס'קאָן פאַלן אין קברים
אַ קאָפּ נאָך אַ קאָפּ.

ביים טויער צווייי קינדער
מיט געוויין און מיט קלאָג —
פון טאַטן און מאַמען
צעשיידט און פאַריאָגט.

עס פרייט זיך דער מסור
מיט גיפטיגן מויל —
אים אַרט ניט דער טויט,
אים שרעקט ניט דער גרויל.

דאָך שלאָגט נאָך אַן אָדער
פון אמת אויף ערד,
און שטאָלץ דאַרף זיין דער,
וואָס אים איז באַשערט —

צו גיין מיטן טויט
אין גרעסטן געוועט,
און ברענגען דעם אמת
נאָך אײדער ס'ווערט שפּעט.

און האַמערן, האַמערן,
האַמערן שטאַרק,
אין היימען, אין גאַסן,
אין שול און אין מאַרק!

זאָל יעדערער העלפן,
מיט וואָס נאָר ער קען,
אַז טאַטע און מאַמע
זייערע קינדער זאָלן זען!

לידער ווי קינדער

לידער, לידער מיך שלעפּן ביים קלייד —
לידער פון אומעט און לידער פון פרייד.
לידער פון אומעט? געוויינט שוין גענוג:
מיט ביטערע טרערן שוין פול איז דער קרוג.

לידער פון פרייד? וואו זאָל איך זיי נעמען?
געזוכט זיי ביי זיך, געזוכט זיי ביי יענעם;
באַזינגען די בלומען, דעם טייך, צי די זון?
ס'איז טונקל דער הימל, פאַרשמירט אין טשוהון.

נאָר לידער, ווי קינדער, ווילן ניט פאַרשטיין,
זיי וועקן און מאָנען און קומען אַליין.

אַ דאַנק

איך דערמאָן זיך דעם טאָג
ווי אַן אומעטיגן גאַסט,
ווען דער זיידע פלעגט זאָגן:
טעכטערל, פאַסט.

פאַר׳חלש׳טע פלאַמען
פון חלב׳נע ליכט —
האָבן געטאַנצט אויף זיין באָרד,
אויף זיין בלאַסן געזיכט.

איך פלעג פרעגן דעם זיידן:
איך פאַסט אַזוי אָפט,
פאַרוואָס מיט נאָך הונגער
היינט ווערן באַשטראָפט?

זיינען מיר יענע טעג
ווי פייגל אָן פליגלען,
און איך קוק ניט פאַרבענקט
אין דעם נעכטיגן שפיגל.

אַ דאַנק פאַר „גוט יום־טוב״,
פאַר פרידן, פאַר גליק, —
נאָר כ׳גיב ניט מיין האַנט
מיך צו פירן צוריק . . .

דערמאָנונג

ווילד אין דרויסן דער געוויטער,
שמייסט די לופט מיט שאַרפע ריטער,
ווי אַ מאַנער, אַ באַצווינגער
קנייפּט מיט קאַלטע, שאַרפע פינגער.

קלאַפּט אין שויבן, פּויקט אין טירן
ביז עס נעמט מיין בעט זיך רירן.
עסט זיך איין אין מיינע ביינער
און לאַכט דערביי דורך גרינע ציינער.

רייסט פון טיש דעם ברויט דעם רונדן,
לויפט אַוועק און ווערט פאַרשוואונדן,
לעשט אין אויוון הייסן פינקל
און לאָזט אַ פראָסט אין יעדן ווינקל.

ליג איך וואַך, איך קאָן ניט שלאָפן.
פאַרוואָס וויל מיך געוויטער שטראָפן ?
צי מיינט ער, אַז איך טו ניט שפירן
געוויין פון קינדער וועלכע פרירן ?

צי מיינט ער, אַז איך האָב פאַרגעסן
די קינדער וואָס האָבן ניט צו עסן ?
אַ, געוויטער, הער אויף שניידן —
עס שטורעמט דורך מיר זייער ליידן !

ווען מען לינטשט אַ נעגער

די פאָן האָט זיך היינט מיט דער זון ניט צעקושט,
ווען זי האָט זיך די שרעקלעכע נייעס דאָ דערוואוסט.
געשריען, געמאָנט, גערופן צו וועלט,
די ברעגן געוואָרפן — ווי העגט אויסגעשטעלט . . .
כ'האָב געהערט איר געוויין, איר קלאָגן, איר ברומען,
ווי אַ יידיש קינד, ווען היטלער פלעגט קומען.
איר וויטאָג געקענט האָט יעדערן רירן :
וועלן היטלער'ס מערדער אונטער איר גאָר מאַרשירן ?

און דערנאָך האָט די פאָן זיך ערגיץ געצויגן,
צו מיליאָנען קברים איז איר אָדלער געפלויגן.

אויף בלינדע אויגן האָבן זיך געביטן אירע שטערן —
פון די רויט־ווייס־און־בלוי — שטראָמען טרערן . . .

און ווידער געפלאַטערט צעשראָקן פאַרשעמט,
ווי אַ כלה בעת שענדער רייסן איר העמד.
אונזער פאָן האָט זיך היינט מיטן טאָג ניט צעקושט,
נאָר — ווי אַ האַלב־טויטער זעלנער — מיט קויל אין איר ברוסט.

געוואָרן היינט בלאַסער, בלאַסער — ביז בלייך,
ווי אַ צעטראָטענע רויז אויפן ווייסן הויז הויך.

אין באַן

מיר פוצן זיך אויס, איך און מיין מאַן,
און, היידא! מען פאָרט קיין ניו־יאָרק מיט דער באַן.
רופט מען זי „לאָקאַל“. לאַנגזאַם איר גאַנג,
הייבט זיך אָן רירן מיט קלינג און מיט קלאַנג.

די בענק שוין באַזעצטע, די באַן איז געפּאַקט.
פּילע לשונות, און רעדער צום טאַקט.
אַ טאַטע, אַ מאַמע, מיט קינדערלעך פיר,
דורך שניי־ווייסע ציינדלעך שמייכלען צו מיר.

אַ בחור, אַ מיידל, זיי האַלטן איין רימען,
פּנים צו פּנים, פון ליבע דער סימן . . .
עס פליען אין לופטן אַ וואָרט צו אַ וואָרט,
ענגלעך אין באַן, דאָך פאַר יעדן אַן אָרט.

אַ שוואַרצער און ברוינער, אַ כינעזער און איד,
איינס לעבן צווייטן אַ גליד צו אַ גליד.
ערגעץ זיי פאָרן צו קרובים צוגאַסט,
שיינע און ריינע, ווי פאַר זונטאָג עס פּאַסט.

אַ איד, גאָר אַן אַלטער, מיט אַ גרייז־גראָער באָרד,
קוקט אין אַ ספר און לערנט ווען ער פאָרט.
לעבן אים אַ „יענקי״, קוקט מיט געפיל,
ווי עס מורמלט דער איד אַ תפילה אין דער שטיל.

אַ גאָר יונגער אינגל קוקט אין דעם סידור,
וואָס זיינען דאָס פאַר אַ אותיות? ס׳איז אים דערווידער . . .
ניין, ער וועט ניט לאַכן, קיין פראַגע ער פרעגט.
פאַר דעם אַלטן אידן האָט ער רעספּעקט.

פול איז די באַן מיט פילע נאַציאָנען,
אַזוי גוט, אַזוי נאָענט, ווי זיי וואָלטן זיך קאָנען.
אַזוי פאָרן מיר אָפט, איך און מיין מאַן,
זונטיק אין דער פרי אין אַן איינפאַכע באַן.

מען קוקט איינס אויפן צווייטן, צופרידן איז יעדער,
עס קלאַפּן און קלאַפּן די אייזערנע רעדער.
די זון קוקט אַריין און שמייכלט גאָר גערן,
דער ווינט זינגט אַ ליד — ניט פאַרשטערט זאָל עס ווערן . . .

אין די סלאַמס

מויערן מיט מויערן
צוזאַמענגעשמאָלצן,
פאַרכמורעטע ציגל,
פאַרטריקנטע שטאָלצן.

דעכער מיט לעכער,
ווי קעפּ פּליכעוואַטע . . .
צעטריקנטע טרעפּ,
ווי קינדער ניט זאַטע.

פענצטער וואו זון
גייט ניט אַריין,
ווי אויגן מיט בעלמעס,
באַרויבטע פון שיין.

זעקס אין איין צימער,
וואו צוויי בעטן שטייען,
אַ טויטלעכע האַנט
מיט קראַנקהייט פאַרזייען.

עופ׳עלעך קליינע,
פאַר׳חלש׳טע ליגן,
מיט שוויס אָפּגעגאָסן,
צעביסן פון פליגן.

פאַרמאַטערט, פאַרשוויצטע —
מענער און פרויען . . .
לעבן זיי שטייט דאָס מיסט,
און קעץ זיך דאָרט רויען.

קיין גרעזל, קיין ביימל,
ווער רעדט פון אַ בלימל?
דער רויך פון די קוימענס
פאַרשטעלט בלויען הימל.

קומט לענדלאָרד נאָך רענט,
ווערט אַ מהומה,
ס׳באַהאַלטן זיך קינדער
אין ווינקעלעך קרומע.

מען פילט אַן אַלץ דיקער
זיין טייסטער דעם גראָבן . . .
אַבי איבער זיך
אַ דאַך נאָר צו האָבן.

ער שמייכלט גאָר פריינטלעך,
ניט אים אַרט, ניט ער שרעקט זיך,
פון געהאַרכזאָמען ציטער
ער קוועלט און באַלעקט זיך.

ווי קען מען דאָ לעבן,
קען ער ניט באַנעמען?
און ער האַלט צו די נאָז
ווען דאָס האַרץ נעמט אים קלעמען.

ווען זיין טייסטער ווערט פול,
און מיט׳ן געלט איז ער זיכער,
פון גיהנום אויף ערד
אַנטלויפט ער וואָס גיכער.

די לופט איז — צו שניידן,
אַ טומל, געפילדער!
אַ, דאַנטע, שטיי אויף —
קום העלף מיר — קום שילדער . . .

די ערד ווײנט

אוי, קינדער מיינע, קינדער מיינע!
ווי לאַנג וועט מען זיך שלאָגן?
איך טרינק זיך ביז׳ן האַלדז אין בלוט,
און קאָן שוין ניט פאַרטראָגן.

די קריג האָט לעבעדיגערהייט
געפּאַלמעסט אייער מאַמען —
אין יעדן גליד אַ פייער ברענט
אין גיהנום׳דיגע פלאַמען.

מענטש מיט ביקס, מיט אַטאָם־מאַכט,
מיט ביבל גייט אויף רויבן, —
שעם זיך, מענטש, פאַר בער אין וואַלד,
שעם זיך פאַר די לייבן!

דו האָסט פון מיינע שענסטע צווייגן
זיך געמאַכט אַ רוט —
און מיינע זיסע, ריינע טייכן
אויסגעמישט מיט בלוט.

דו האָסט מיין גרינע קלייד צעטראָטן,
פאַרשריען מיין געזאַנג —
דו האָסט מיין האָניג אויסגעגאָסן,
און לעקסט דעם סם פון שלאַנג.

דו האָסט דעם בויך מיר אָנגעשטאָפּט
מיט טויטע זין און טעכטער —
און זינגסט דאָס ליד פון קריג און זיג,
ווי דו ביסט דער גערעכטער.

עס גאַרט די וועלט מיט מויל פאַרשמאַכט
נאָך מילך, נאָך ווייץ און קאָרן, —
דיין אַקער־אייזן איז אַ שווערד, —
אַז וויי צו מיינע יאָרן!

כ׳וועט שיעור צעפּלאַצט פון צער
און שפּיי־אויס פייער־רינגען:
צי כ׳זאָל היינט מיט זינדיג קינד
אין פייער־פלאַם פאַרשלינגען?

נאָר ניין, אַ מאַמע טוט עס ניט.
אַ מאַמע קאָן ניט שטראָפן.
וואַרט איך אַ פאַרוואונדעטע
און הער ניט אויף צו האָפן.

זע איך ווי עס הויבט זיך אויף
אין לופט אַ שלום־פּאַן.
מיין איך, אַז מיין נייער פרילינג
הויבט זיך באַלד שוין אָן.

קינדער מיינע, קינדער מיינע!
לייגט אַוועק די שווערד,
הערט זיך צו צו דעם געבעט
פון אייער מאַמע־ערד.

ערב ערשטן מאַי

(זכרונות פון אמאָל)

ליכטיגער ווי שטענדיג איז געווען יענע נאַכט —
נאָר די מאַמע האָט פריער די לאָדנס פאַרמאַכט,
בלאַס איז זי געווען, ווי די רונדע לבֿנה,
געוואַרט אויף דער שוועסטער, אין דער נאַכט פון סכנה . . .

אַ שכנה איז געקומען און אַ סוד איר פאַרטרויט —
האָט אויף מיין מאַמען געציטערט די הויט.
זיינען בידע געזעסן, גערעדט און גערעדט
וועגן אַ רויטער מאַי־פאַן ביז זייער שפּעט.

איז אַ שכן געקומען, מיט רימען געגרייט —
צו שלאָגן זיין זון אפילו ביז טויט!
דערפאַר האָבן אַלע געזוכט אויפן בוידעם,
געשראָקן ווי דאָרטן געווען וואַלטן שדים.

און דער רבֿ איז געקומען, פאַרזאָרגט און פאַרטרויערט, —
געגלעט זיין באָרד און מיט די אויגן געלויערט.
געבעטן מיין מאַמען די „פאַנע" געפינען,
אַז ניט וועט מאָרגן, חלילה, אידיש בלוט רינען . . .

האָט מיין מאַמע געוויינט, ווי אַ פֿאַרזינדיגטע באָבע:
זי זאָל וויסן פֿון צער צי זי וויס פֿון אַ „פּאָנע״.
נאָר דער רב האָט געפֿרעגט צי איז זי זיכער —
ער וויס דאָך ביי אונז זיינען דאָ טריפה ביכער . . .

אַז די מאַמע האָט געדרעמלט, די אויגן פֿול טרערן,
האָב איך שטילע טריט גענומען דערהערן —
אין קליינעם פֿאַרהויז, פֿאַר דער שיין פֿון דער לבנה,
האָט מיין שוועסטער צעוויקלט די רויטע „פּאָנע״.

דעם שכנ׳ס זון האָט די פּאָן גוט באַטראַכט,
און ביידע צוזאַמען האָבן אין זיך געלאַכט.
„דו קענסט גוט נייען״, — האָט ער איר פֿאַרטרויט
און מאַיאָווע ליכט האָט זיך אויףביידן צעבלויט.

אַז קיינער זאָל זיך צו דער „פּאָנע״ ניט מישן,
האָבן זיי זי באַהאַלטן אונטער מיין מאַמע׳ס קישן,
און איך בין געלעגן אין בעט און געקוקט,
מיין האַרץ האָט געקלאַפּט, און מיין מויל האָט געצוקט.

אויף מאָרגן פֿרי דערוויסן מיר זיך —
אַז די מאַמע איז אַוועק מיט מיין שוועסטער׳ס שיך,
און אויפֿן שכנ׳ס זונ׳ס פּנים איז געוועזן אַ סימן,
וואָס דער טאַטע האָט געמאַכט מיט זיין גראָבן רימען.

האָט מיין שוועסטער געקוקט מיט אויגן צעצונדן,
געגלעט זיין קאָפּ און געקושט זיינע וואונדן,
און באַרוועסערהייט האָבן מאַרשירט די צוויי
מיט טויזנטער צוזאַמען, און איך נאָך זיי.

ניטאָ קיין פּרייז פאַר אַ לייען־קרייז

געווידמעט די לייען־קרייזן

(צום צען־יאָריגן יובילײ פון מיין קרייז אין נוואַרק)

ניטאָ קיין פּרייז
פאַר אַ לייען־קרייז.
קאַליפּפול און קולטורעל,
דעם טאָג באַרייכט,
באַשיינט, באַלייכט,
און מאַכט דאָס לעבן
ליב און העל.

צען יאָר ליכט
באַשיינט געזיכט
פאַר ווייטער שטרעבן, בויען,
און יעדער מאַן
טרעט אָפּ אַ שפּאַן,
דרך־ארץ
פאַר אונז פרויען!

די פרוי וואָס היט,
און גייט אויך מיט
אין גאַנג צום נייעם לעבן,
וואָס זאָגט איר וואָרט
אויף יעדן אָרט,
און קען איר מיינונג געבן.

צען יאָר קרייז
אַ מין באַווייז,
אַ קלאַס, אַ בוך, אַ שולע,
ווען דינסטאָג קומט
ווערט מען צעבלומט,
אַ פרייד, אַ מין גדולה!

אין יעדער הויז
ווערט אַ לייען־קרייז,
מען וואַרט אויף די מינוטן,
שטול און טיש,
און כיבוד זיס —
מיט מענטש ווערט אַ מחותן.

***

מיר זאָגן צו,
אַז ווען שלום, רו
וועט די ערד באַדינען
וועט מען אונזער וואָרט
וואָס אָפּגעשפּאָרט
אין דורות ווייט געפינען.

אַ מאַמע רעדט

איך לערן פון אַ סטאַיע פייגעלעך

האַ־האַ־האַ־האַ,
זיי זיינען דאָ!
דורכגעפלויגן, דורכגעלאָפן,
און זייער נעסט פונקט געטראָפן.
הערט מען זיך ניט אויף צו רופן,
ציפן, ציפן, ציפן, ציפן,
קומט צוריק, קומט צוזאַמען
דורך די וואָלקנס,
דראָט און צאַמען.

קוק איך הויך, היט זיי גערן,
און איך לערן . . .
שטיי און קוק שטאַרק פאַרוואונדערט,
ווי געטריי, ניט אָפגעזונדערט,
זיי טיילן זיך מיט דער דערנארונג
און דערפאַרונג.
קלאָר און פינקטלעך זייער בליק
און פול מיט גליק.

איך קוק און לערן מערער, מערער,
יעדער פויגל ווערט מיין לערער.
איך האָב שונאים, זיי דאָך אויך.
דאָך פליען זיי דורך העכסטן הויך.
מילדער ווערט מיר גרעסטער שטורעם
און גרינגער ווערן די יסורים.

לויף איך פענצטער ברייט צעפּראַלן
און אויסרופן צו אַלע אַלען:

מוט פון פייגל איר זעט? איר, די —
ביי וועמען ס'בייגן זיך די קני?
איך זע מען פילט זיך גלייך צוזאַמען,
ווי פייער־לעשער לעשן פלאַמען.

פריילעך ס'ווערט ביי יעדנס טיר,
דאָ און דאָרט ביי דיר, ביי מיר,
זיי מיט מיר, און איך מיט זיי,
מיין צווייפל פאַלט, עס טוט ניט וויי.
און ווי די פייגל, דורך די הויכן,
פיל איך, אַז מען וועט דערגרייכן . . .

אין מיין האַרצן לעבט אויף דער גלויבן,
אַז איך וועל צו הויכקייט זיך דערהויבן
און די וואָס שרעקן זיך פּרובירן
וועלן אַ פאַרלאַנג דערשפּירן,
מיט די פייגל זיך פאַרמעסטן
צו באַזיגן — שטורעמס, פרעסטן,
אין האַרץ דעם צווייפל אונטערדריקן.

און איך זע שוין ווידער שטאָלצע בליקן,
איינס דעם צווייטן רופט צוזאַמען,
גיכער, לאָמיר לעשן פלאַמען . . .
שטעלן זיך דעם פיינט אַנטקעגן,
וואָס וויל פאַרצאַמען אַלע וועגן . . .

אַ טעקסי־טרייבער

זיין פּנים צעאַקערט פון טויזנטער ווינטן,
פון פאָרנט איין טראַק, און צוויי גלייך פון הינטן.
עס מאַכט דאָ פאַר אים קיינער קיין וואָרע,
עס יאָגט אין זיין פּנים פון אויטאָס די פאַרע.

דער אייזערנער ראָד, פאַרפרעסט אין לאָנדאָנעס —
אַנטקעגן זיין לעבן — טויזנט סכנות.
עס פליען די אויטאָס, די קאַרן, די טעקסיס,
די טאמס, די ביליס, די העריס און מעקסיס!

עס טרובן די טרובעס, די רעדער — זיי קלאַפּן,
זיי יאָגן זיך, טראָגן זיך קונדן פאַרכאַפּן.
די גאַס איז צעפלאַקערט מיט לעמפּלעך מיליאָנען,
און יעטווידן קונד מוזן זיי קאָנען.

דער איז אַ שפּילער — ער פאָרט צו קאָנצערטן,
און די פאָרט אַרום און זוכט אַ באַשערטן . . .
איינער: פאָר גיכער! אַ צווייטער: פּאַוואָליע,
און יעדערן מוז ער אויסהערן זיין דאָליע.

זיי ריידן און ריידן פון פרייד און פון טרויער,
די גאַס איז צעברויזט, און אים הוזשעט אין אויער.
ער וואָלט דאָך געקאָנט ביכער אָנשרייבן
פון יעטווידער זאַך, וואָס אין טעקסי טוט בלייבן . . .

ער פירט דאָך זיין טעקסי צוויי־צענדליג יאָרן,
ס'האָט אַמאָל אַ פרוי אַ קינד דאָ געבאָרן.
געהערט שוין פיל קושן און אויך קריגערייען,
געפאָרן צו תפיסות מענטשן באַפרייען.

פון יעטווידער שענק, ער קען אַלע שוועלן,
ער פירט גאַסן־פרויען צו רייכע האָטעלן.
אָפט מוז ער קעמפן מיט שאַנד און נסיון,
ווען עס שלעפן צו זיך די פאַרשאָלטענע פרויען . . .

ווען די זון הויבט אָן שיינען, נעמט ער זיך זאָרגן
און בעט אַלץ ביי גאָט עס זאָל רעגענען מאָרגן.
וואָס טויגן אים זון און פעלדער וואָס גרינען?
אין שטורעמס און שנייען קען ער דאָך פאַרדינען.

גאַס אַריין, גאַס אַרויס, דורך ברויז און געפּילדער,
איינער אַ שיכור, דער צווייטער אַ ווילדער,
און ער מיט זיין טעקסי פאַרקלאַמערט אינמיטן,
ער מוז זיך און יענעם פון טויט דאָ אויסהיטן.

קראַמען און שענקען, טייכן און טורעמס —
און זיין פּנים צעשניטן פון טויזנטער שטורעמס.
צי זיין נאָמען איז דוד, צי טאָני, צי מעקסי,
אויפן גאַס פון ניו־יאָרק — טרייבט ער אַ טעקסי . . .

דער פּאָעט אין היינטיגן לעבן

זיידענע פעדים אין קנוילן פון דראָט.
דינינקער שפּיגל קעגן שפּיציגן טשוואָק.
שטראַלנדיגע אויגן, וואָס ברענען ווי ליכט.
סטרונעס פון פידלען און שטאָל פון דעם גלאָק.

אַ וויג פון די פּלייצעס אין מיידלשן גאַנג,
אַ שמייכל אויף ליפּן פון פּיטשינגן קינד.
רויטקייט פון עפּל און גאָלד פון'ם ווייץ,
בלויקייט פון אָוונט און קילקייט פון ווינט.

פון גאַנצע משפּחות — איינער נאָר ער.
טויזנט אַרום אים, און ער איז אַליין.
אומעט אין האַרצן, פינקל פון טרער,
פריינט פון מענטשן און קרוב פון שטיין.

דער ברעכער און בויער, דער נביא און נאַר —
זעלטן פאַרשטאַנען און אָפט אויסגעלאַכט.
לשון פון ים'ען און ליד פון פאַר'ן מענטש,
ליכט פון פרימאָרגן און לאָמפּ אין דער נאַכט.

מײַן ערשט ליד

(דערינערונגען וועגן מ. אָלגין)

איך בין געזעסן בײַ דײַן שרײַב־טיש
מיט מײַן ערשטן ליד אין האַנט —
דאָס ליד, ווי אין אַ געבײדע,
נאָר די ערשטע וואַנט.

צי װעסט ווי אַ לערער, — טראַכט איך, --
מײַן ליד, מײַן ערשט ליד אויפנעמען?
צי וועל איך מיט מײַן ערשטלינג
זיך גאָר דאַרפן שעמען?

אין מײַן האַרץ דערפיל איך
אַ ביט־דערוואַרטן ווײטאָג,
און פרעג בײַ זיך אַ פראַגע:
צי איז מײַן ליד גאָר נויטיג?

דו אַרבעטסט אויף די שריפטן,
אַ שווײס באַדעקט דײַן שטערן;
איך טו אַ קלײנעם הוסט,
אַז דו זאָלסט מיך דערהערן . . .

דורך אויסגעפּוצטע ברילן
הויבסטו־אויף דײַן בליק,
איך הויב זיך אויף פון שטול
און וויל שוין גײן צוריק.

מיט דײַנע פינגער דינע,
שײנע, שלאַנק און לאַנג,
נעמסטו דאָס פּאַפּירל
מיט מײַן ערשט געזאַנג.

עס ווערט דיין פּנים לענגער,
און דיינע ליפּן — דין,
איך פיל איצט ווי אין שטורעם
אַ בוימעלע אַ גרינס.

דו האָסט געמעקט, געשריבן,
און מיין אומרו איז פאַרשוואונדן.
מיט ווערטער וואַרעמע און שטרענגע
האָסטו ליכט אין מיר געצונדן.

און איצט ווען איך זיץ ביים שרייב־טיש
און וועב זיך אויס אַ ליד,
פיל איך ווי דו שטייסט דאָ
און דו זינגסט אויך מיט.

איך פיל די רגע׳ס זיסע
פון מיין ערשטן בלי —
און פון די ערגעץ־וועלטן
טוסטו צו מיר אַ פלי . . .

װענן דיכטער לעבן

זײַ מיר מקנא

זײַ מיר מקנא,
איך בין מיט דעם שטאָלץ.
זאָג, אַז אַ דיכטער
טויג נאָר פֿאַר האָלץ.

האָלץ װאָס קאָן ברענען,
װאַרעמקייט ברענגט.
אין די װאַרעמע שעה׳ן
װער װאו געדענקט . . .

װאַרף פּיילן װערטער,
װאָס שניידן גאַנץ טיף,
אָבער איך בין אַ כװאַליע,
כאָטש אונטער אַ שיף.

זײַ מיר מקנא,
איך ליב דעם געפֿיל,
װאָס טויג זײַן אַ טייכל,
װאָס שטייט ערגעץ שטיל ?

אַן ענטפֿער

אַט פֿאַרװאָס איך זע אויס
אַזוי בלאַס,
װייל איך האָב ניט קיין צייט
אַרויסגיין אין גאַס.

װייל פּעק מיט לידער
אין האַרץ איך פֿאַרמאָג.
איך מוז זיי צעשיקן,
און קורץ איז דער טאָג.

פֿון שרייב־טיש אין קיך
אַ לויף און אַ כאַפּ,
און דער װייזער ער רירט זיך,
אים אַרט ניט אַ קאַפּ.

איך קורץ איצט מײַן ליד,
דער טיש מוז זײַן גרייט.
אַט זע איך מײַן מאַן,
ער קומט מיט אַ ברויט . . .

מיין מאַמע׳ס דריי לייכטער

אויף אַ פּאָליצע שטייען, שוין לאַנג ניט גענוצט,
מיין מאַמע׳ס דריי לייכטער, געגרייט, אָפּגעפּוצט.
עס שטעקן דריי ליכט האַלב אָפּגעברענט,
איך קוק און איך זע מיין מאַמע׳ס צווי הענט.

די ליפּן פאַרשלאָסן, אַ תפילה אין זיי.
אויפן פּנים, איר בלאָסן, איר צער און איר וויי,
דער זון־אונטערגאַנג, וואָס קוקט דורכן שויב,
זאָגט אונז „גוט־שבת" און באַגילדיקט איר הויב.

זי בענטשט און זי וויגט זיך אַהין און אַהער,
מיט חלב פון ליכט געמישט איז איר טרער,
וואָס זי וויל פון גאָט נאָר זי אַליין פאַרשטייט.
עס טרייסטן איר שטראַלן פון זון, וואָס פאַרגייט.

איך שטיי אַ פאַרטראַכטע, איר קלייד איך האַלט צו,
אירע טרערן צעשטערן מיין קינדערשע רו.
פאַרוואָס וויינט מיין מאַמע, קען איך ניט פאַרשטיין.
עס ברענען דאָך ליכט אַזוי גאָלדיג און שיין?

אין טעג אין אַזוינע קוק איך אויף זיי —
אויף מיין מאַמע׳ס דריי לייכטער און עס טוט עפּעס וויי.
עס טראָגט מיר צום נעכטן, איך בענק, עס טוט באַנג,
נאָך מיין מאַמע׳ס ליכט־בענטשן און מיין טאַטנ׳ס געזאַנג.

צו איינעם

עס טוט מיר זייער, זייער לייד,
וואָס איך האָב אייך צעשטערט
אָט־די אַלע מאָדנע זאַכן —
וועגן מיר, וואָס איר׳ט געהערט . . .

אַז איך בין הויך, בלאָנד און שיין,
בויגיג ווי אַ בוים —
און גיי אַרום פון פרי ביז שפּעט
פאַרשלייערט ווי אַ טרוים.

אַז איך קען קיין ליד ניט שאַפן,
וואו איך טרינק ניט אויס
בראָנפן פון דעם שטאַרקסטן מין
אין אַ גאָלדערנעם כוס.

איך גיי אַרום דעם קאָפּ פאַרריסן
העט־העט אין דער הויך,
און בלאָז פון מיינע נאָזלעכער
אַ בלויען, גרינעם רויך.

און קליידער טראָג איך פלוש און זייד,
פון בעסטן פעלץ מיין יאַק,
און פאַרב זיך פונקט ווי אין האָליוואוד,
שטעל אויס צו אַ קוש מיין באַק.

און געליבט האָב איך פיל —
דריי אין יעדער שטאָט,
און זיי גייען נאָך נאָך מיר
אויף יעדער שריט און טראָט.

דעם רעדאַקטאָר פּאַטש איך אויס,
ווען ער פאַרבייט אַ וואָרט,
און פאַר ניט באַצאָלן פאַר אַ ליד
שלעפּ איך אים אין „קאורט".

אַז ווען די מוזע קומט צו מיר,
פאַרלאָז איך מענטש און היים,
פאַרקלייב זיך אויפן העכסטן פעלז
ביזן ווייטסטן רוים.

און מיטאַמאָל — אָט בין איך דאָ,
ווי איר, אין זעלבן קלייד,
לאַך ווי איר און וויין ווי איר,
און רעד די זעלבע רייד.

דאָך אַ קאָפּ זייט איר גערעכט,
עפּעס אין אונז ליגט,
נאָר ניט יעדער קען עס זען,
ניט יעדער ווערט אַנטציקט . . .

פאַראַנען

פאַראַנען נאָך קוואַלן פון קיינעם געטרונקען,
אַזוי פיל נאָך ניט קיין צעבלאָזענע פונקען,
וויזערס וואָס האָבן דעם סוף ניט באַוויזן,
און עס ליגן נאָך וואו איינגעשלאָפענע ריזן.

פאַראַנען נאָך וועגן פון קיינעם באַטראָטן,
און בונטן מיט פרייד אויף די ים׳ען צעשאָטן,
און זון אַזוי פיל, וואָס וואַרעמט ניט קיינעם,
פאַרשלאָסענע טירן און הינטער זיי שכנים.

פאַראַנען נאָך הערצער, וואָס קענען ניט לאַכן,
זיי שוימען ווי שפּענער אַרום אויף די פלאַכן.
ס׳איז דאָ נאָך אַ הימל מיט לייטערלעך בלויע
און שטורעמס וואָס רייסן די וואָלקנס די גרויע.

פאַראַנען נאָך וואונדן פון קיינעם פאַרהיילטע,
און צרות אַזוי פיל, ביז איצט ניט דערציילטע.
פאַראַנען נאָך אויגן פולע מיט טרערן
און פלאַמען וואָס ווילן פאַרלאָשן ניט ווערן.

איז אַ לויב צו דעם דיכטער, וואָס פרואווט דאָרטן גרייכן
און פוצט אויס מיט לידער אונזער לעבן דעם בלייכן.
איז גוט אָט דעם דיכטער, וואָס איז אַהינצו דערגאַנגען
און וועבט פון דעם אַלץ פאַר אונדז די געזאַנגען . . .

אַ בילד אין סאַבוועי

אַ מאַטראָזל — ווי מיליאָנען אינגלעך,
אַ פּנים פול מיט זומער־שפּרענקלעך,
זיין היטל אויפן שפּיץ פון קאָפּ —
אין האַלדז שפּרינגט־אום אַ גאָרגל־קנאָפּ.

אַ מויל, געגאָסן ווי פון פורעם,
לאַכט און רעדט פון ים, פון שטורעם.
אַ הויכער שטערן, קלוג און קלאָר —
זעט אויס אַ יונג פון אַכצן יאָר.

צי הייסט ער פּיטער, צי גדליה,
האַלט זיין מיידל פעסט אין טאַליע,
ניט אַזוי זיך גלאַט צעלאָזן,
ווי עס טרעפט אַמאָל מאַטראָזן.

נאָר דער יונגיקער מאַטרעזל,
קושט זיין מיידל אין שפּיץ נעזל,
אַז מען ליבט זיך, איז אַ סימן:
ביידע הענגען אויף איין רימען.

ביידע שלאַנקע, אויסגעצויגן
שלינגען זיי זיך מיט די אויגן,
ער דערציילט פון ווייטע ים'ען,
ווי ער פלעגט בענקען נאָך זיין מאַמען.

די באַן קלאַפּט־צו צו ווערטער
פון מאַטראָז מיט זיין באַשערטער
און אַלע אין באַן, מען קוקט אויף ביידן:
עפּעס כאַפּן, וואָס זיי רעדן.

און דער יונגינקער מאַטרעזל
מיט שפּרענקלעך קלייען אויף זיין נעזל,
צי הייסט ער טאָמי, אָדער גדליה
מיט זיין האַנט אַרום איר טאַליע.

און זי אַ בלאָנדינקע, אַ דינע,
געהילט אין בלויער פאַלערינע,
אַ שלייפעלע פון סאַמעט ראָזן,
די בלאָנדע לאָקן פריי־צעלאָזן.

איז גרייט פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע,
מיט אים אַוועק אויף זיבן ים׳ען,
זי הויכט איר אָטעם אויף זיין אָרעם
און גלעט זיין פּנים — ליב און וואַרעם.

איך זיץ און קוק אויף זיין גאַרניטער
און דורך מיין לייב גייט דורך אַ ציטער:
אַז די ליבע וואָס זיי זינגען
זאָלן כוואַליעס ניט פאַרשלינגען.

אַ אינגל

ווי דער זייגער וויזט אויף דריי
הער איך אַ שטילן הילך.
אויבן שטייט איצט אויף דער אינגל,
וואָס טראָגט פאַנאַנדער מילך.

שטיל אין דרויסן, דיק און פינצטער
אין קישנס אַלע קעפּ,
ס׳גייט אין מיר אַריין דער ריטעם
פון אינגל׳ס טריט אויף טרעפּ.

דעמאָלט צינד איך אָן אַ לעמפּל —
דאָס ליכט פאַלט דורכן שויב
און לייכט צו דעם קליינעם מילך־מאַן,
וואָס טרעט שטיל ווי אַ טויב.

אַט אַזוי העלפט מיר דער אינגל,
וואָס פאַרשטייט גאָרניט,
אַז איך קוק אים נאָך דורך שטורעם
און פאַרוועב אים אין מיין ליד.

צום יובליי פון „מאָרגן-פרייהייט" און כאָר

(געווידמעט די שלאָגלער)

אין אַ טאָג פון זון און פרילינג
איז כאָר און „פרייהייט" שוועסטער צווילינג.
יאָר נאָך יאָר מען טרעט צוזאַמען,
ווי צווי קינדער פון איין מאַמען.

ליד און „פרייהייט" ענג פאַרבריִדערט,
ניט געבויגן, ניט געניִדערט.
דורכגעזונגען אַלע שעה'ן,
דורכן לעבן שווערן, גרויען.

איז גוט אַט־דעם וואָס קען היינט זאָגן:
איך האָב געבויט, איך האָב געטראָגן
דאָרט אַ ברעטל, דאָ אַ ציגל, —
איך בין געשטאַנען ביי דעם וויגל.

אין טאָג פון יובל און פון לידער —
ווערן הערצער יונגער ווידער,
און זוער פון ווייטן איז געשטאַנען
איז פאַר אים אַן אָרט פאַראַנען.

קיינער קען אונז ניט צעשיידן
ווען אמת בויט אונז טויזנט פריידן —
פאַר וועלט און פאָלק מיט ליבע און טרייהייט
אונזער כאָר און אונזער „פרייהייט".

דער גרייז-גראָער מאַן

(איינדרוקן ביי אַ „יו־עו" זיצונג)

ווען דער גרייז־גראָער מאַן צעפּירט זיינע הענט,
זע איך, ווי ביי אים אין די אויגן ברענט
דער פייער פון שלום:
ער מאָנט
און דערמאָנט,
ווערטער פון חוב שיסט ער אין הערצער פון שטיין.
טויבע אים קאָנען פאַרשטיין,
זען דאָס קאָן דאָך אַ בלינדער:
ער וויזט זיי די טרערן פון מאַמעס,

דאָס זיפצן פון קינדער,
און די שניי־ווייסע טויב זיצט אויף זיין קאָפּ
און קוקט אויף די מענטשן אַראָפּ.
געוואַרט, אויסגעקוקט אירע אויגן,
פון גרעניץ ביז גרעניץ געפלויגן,
זי זוכט צי דער מבול ווערט אויס,
צי די זון קומט שוין ווידער אַרויס...

דער גרייז־גראָער מאַן הויבט זיינע הענט,
עס טראָגט זיך זיין וואָרט דורך די ווענט.
די שונאים, זיי זוכן דעם מויל אים פאַרמאַכן.
זיי קרימען זיך, קערן זיך אָפּ און זיי לאַכן.
נאָר ער וועקט און ער רעדט,
ער וואָרנט און בעט
מיט אויגן, ווי זונען, וואָס באַלייכטן די וועגן,
מיט הענט וועלכע טראָגן
דעם שלום אַנטקעגן.

ער מאָנט און דערמאָנט,
ער רעדט און ער בעט,
טאָג איין און טאָג אויס:

פאַר שלום איז קיינמאָל ניט שפעט!
און גליקלעך איז ער וואָס אים איז באַשערט
צו קעמפן פאַר גליק פון דער ערד.

מתנות

איך נעם אַביסל פרישע זוימען
פון אַ ליליע, פון אַ רויז,
און שענק עס צו אַ יונגן פּאָרל —
צו פאַרזייען לעבן הויז.

ווען עס בליען, וועט זיך ציען
לעבן פענצטער, לעבן טיר —
וועט מען קוקן אויף די בלומען
און דערמאָנען זיך אָן מיר.

כ׳נעם אַ בלעטעלע אַ גרינס,
אין אַ טעפּעלע פאַרזיי.
ווי אַ קינד וועל איך עס היטן
אַ מתנה פאַר די צוויי.

כ׳נעם אַ ווערטל פון מיין באָבען
און גיב דער יונגער מוטער מיט,
זי וועט עס זיכער דאַרפן האָבן
אין אַ שעה פון שווער געמיט.

קוקן אויף מיר בידע יונגע —
אָך, וואָס איז עס פאַר אַ פרוי,
ניט קיין געלט און ניט קיין צירונג
גיט זי אַ מתנה זיי? . . .

מיין שוועל

מיין שוועל איז פון איינפאַכן שטיין,
דאָך עס רופט ווי אַ מאַמע׳ס אַ שויס.
קומען שכנים פאַרנאַכט צוגיין —
און אַלע זעצן זיך דאָ אויס.

די מידע הענט אויף די קני,
די קראַגנס צעעפנט גאַר ברייט,
די זון אין פאַרנאַכטיגער גלי
איז אויף יעדנס פנים צעשפּרייט.

אַ זעלנער, ער שילדערט די קריג,
ווי אַ בוריק רויט ס'ווערט דער דייטש —
טוט דער איד מיטן רוקן אַ וויג,
ווי פון הינטן וואַלט שניידן אַ בייטש . . .

וואָס געווען, וואָס געזען, אַ גרוס —
מען געטרויט זיך ווי באַגענטע פריינט.
אויף דער ערד וואַרט פוס לעבן פוס —
גרייט צום גאַנג צו באַגריסן דעם היינט.

ס'רעדט יעדערער דאָ וואָס ער וויל —
פריי איז צעעפנט דאָס האַרץ,
זיצט אַ מענטש מיט אַ ליכטיגן ציל,
באַלויכט ער אַלצדינג וואָס ס'איז שוואַרץ . . .

אויפ'ן האַדסאָן

(פאָרנדיג מיט'ן שרייבער־פאַראיין 11טן יולי, 1953)

אַ ווייסע שיף, אַ פול־געפּאַקטע,
מענטשן — שוואַרץ און ווייס און געל,
אַלע פונקט ווי גוטע שכנים
זיצן רואיג אויף איין שוועל.

אַלע מיט'ן זעלבן שמייכל,
קיינער ווייס ניט פון קיין קריג,
ס'איז אַ מאַמע אונז דער ים דאָ,
און די שיף איז אונזער וויג.

ס'איז דער מענטש פון שטאָט אַנטלאָפן,
וואו ס'איז שטיקנדיג און הייס,
אויסצורוען זיינע גלידער,
אין דעם זומער'ס גרינעם שויס.

ס׳איז דער הימל — בלויער שירעם
ווינטל פּנים גלעט און קושט, —
שפּילט די זון זיך מיט די לאָקן,
היילט און וואַרעמט יעדנס ברוסט.

כוואַליעס רעדן זייער לשון,
וואָס אומבאַקאַנט איז פאַרן מענטש —
איינער צימבלט אויף גיטאַרע
און באַלד צעפּעכערן זיך טענץ.

ווערט פון קלייד קאָלירטע רעדער,
און פון האָר פיל בונטן ליכט —
איצט איז טענץ און ווייטער האָדסאָן —
וואָס מיר אַרבעט, וואָס מיר פליכט!

שנײדט די שיף דעם בלויען ליילעך,
שווימען בענדער אויפ׳ן ים —
כאַפּט די זון די בלויע ברעגן
און פאַרוויקלט זיי אין פלאַם.

ווייס איך ניט וואוהין צו קוקן —
אַזוי פיל וואונדער אומעטום,
יעדער דריידל־רויך פון קוימען
זעט מיר אויס אַ שיינע בלום.

ווילט זיך טאָג זאָל לאַנג געווערן
ווען יעדע שעה אַ רגע ווערט;
צו דער ווייטקייט מיינע בליקן —
צי מיין ליד דאָרט ווער דערהערט?

ס׳איז די שיף צום ברעג געקומען
און דער וואַלד האָט זיך דערפרייט,
אַלע בוימער, אַלע בלומען
האָבן אָרעמס אויסגעשפּרייט.

אַ מאַמע רעדט

באַנען, שטעלט אײַך אָפּ! שיפֿן, הערט אויף ברומען!
פֿרייט זיך מיט מיר, וועלט — מײַן קריגסמאַן איז געקומען!
אָט ליגט מײַן זיסער זון, שטיל און אויסגעצויגן
אין זײַן מאַמע׳ס בעט, וואו איך האָב אים געזויגן.

מתּנות מיר געבראַכט, גאָר ניט אָפּצושאַצן:
— ערד אין זײַנע שיך און בלוט אויף די אַפּצאַסן;
שטורעם אין די האָר, פֿון מזרח, מערבֿ, צפֿון,
און וואונדן אויף זײַן לײַב, נאָך יסורים׳דיק, רויט און אָפֿן.

און ריידן רעדט ער ניט, ווײַל גאַרנישט ניט דערציילן;
באַהאַלט זײַן וואונד פֿון מיר — צו שפּעט, זאָגט ער, צו היילן.
איך גיי אַרום אין הויז, ווי פּוד אויף דר׳ערד וואָלט ליגן,
ווי דעמאָלט ווען איך פֿלעג אים אין וויגעלע פֿאַרוויגן.

ער ליגט און חלום׳ט שטיל, — ווער קאָן זײַן חלום וויסן, —
צי זעט ער דאָרט אַ באַמבע, צי הערט ער נאָך דאָס שיסן?
צי זעט ער ווי מ׳וואַרפֿט האַלב־טויטע אין די גריבער,
צי גאָר זײַן חבֿר זעט ער פֿאַלן און לויפֿט זײַן גוף אַריבער...

זײַן חבֿר זעט ער איצט, איך זע עס אויף זײַן פּנים...
ער לויפֿט אין פֿײַער גלײַך, נעמט ראַכע פֿון די שונאים...
זײַן חלום איך פֿאַרשטיי, נאָר כ׳וויל אים ניט דערמאָנען —
ער קוקט אויף מיר אַזוי, ווי ער וואָלט מיך נישט דערקאָנען...

צוויי־און־צוואַנציק יאָר מײַן קריגער איז געוואָרן,
וויפֿיל קנייטשן אויף זײַן פּנים, אָ, ווי צו מײַנע יאָרן!
אין די אויגן שרעק, און גרויע האָר אין לאָקן;
אָ, וועלט, האַלט אָטעם אײַן, רוען לאָז מײַן זקן!

לידער פאַר מוטערס טאָג
מיר ווילן פרידן!

זאָלן נעכטיגע וואונדן ברייטער זיך צעעפנען,
ריידן זאָלן נעמען טרערן־קישנס,
זאָלן שטולן ליידיגע ווידער שטיין און וואַרטן
קוקנדיג אויף אומעטיגע טישן.

זאָלן מאַמעס זיך דערמאָנען יענע אייביגקייטן
ווען זיי פלעגן וואַזיניגע שפּרייזן, שפּרייזן,
ברעכן פינגער, קנייפּן באַקן,
ביז דער בריוו־טרעגער פלעגט זיך באַווייזן . . .

זאָלן טאַטעס ניט פאַרגעסן די מינוטן, —
ווי איז אונז נאָך יענע טעלעגראַמעס . . .
ווען זיי פלעגן נאָך אַ זון שוין קדיש זאָגן —
און נאָך אַלץ ניט אויסגעזאָגט די מאַמעס . . .

זאָלן קראַנקן־שוועסטער ווידער זען די אויגן
פון די יונגע אינגלעך פאַרן שטאַרבן,
ווען אויף פינגער מיידלשע פלעגט רינען
מאַרך פון אַ לעבעדיגן שאַרבן . . .

זאָלן די מיליאָנען זיך אַ הויב טאָן פון די קברים,
זאָלן די מצבות אָנהויבן מאַרשירן,
זין אָן הענט, אָן פיס, אָן אויגן
זאָלן מאַמעס דורך די גאַסן פירן.

זאָלן וויגן ברענענדיגע פליען צו די הימלען,
אָפּגעברענטע וועלדער זאָלן מאָנען:
גיט אונז אָפּ די פרילינגען, די זומערס,
וואָס פאַרטיליגט האָבן די קאַנאָנען!

ווער זאָל גיין אַפריער? יאָ, ווער זאָל גיין אַפריער?
די נשמות פון די זעקס מיליאָן אידן!
זאָל פון אַלע שטימען איין שטים ווערן:
שלום ווילן מיר, מיר ווילן פרידן!

די קאַץ

אַ קאַץ איז געלעגן און אירע קעצעלעך געזויגן.
האָט זי פּלוצלונג דערזען צוויי הינטישע אויגן,
זיינען אירע נעגל געוואָרן ביגטלעך שפּיזן
און קראַפּט געקראַגן פון צען טויזנט ריזן.

פון אירע גרינע אויגן האָבן פונקען געשפּריצט
ווען זי האָט אירע נאָגלדיגע ציינער געקריצט.
דער הונט איז געווען באַלד גרויס ווי אַ לייב,
נאָר ער האָט זיך אָפּגעקערט שטיל ווי אַ טויב.

איך האָב געקוקט, און באַוואונדערט דעם וואונדער,
ווי אַ שוואַכינקע קאַץ פאַרטיידיגט אירע קינדער.
כ'האָב געקלערט פון די מאַמעס וואָס ווילן גאַרניט הערן,
אַז מען קלייבט זיך שוין ווידער זייערע קינדער צו פאַרצערן...

איר ערשטער „דעיט"

געווידמעט מיין **סיליען**

האָר צעלאָזן, אויגן פינקלען,
באַקן פלאַמען רויט,
גליקלעך איז היינט אונזער סיליע,
ווייל זי האָט איר ערשטן „דעיט"!

אויסגעקוקט שוין אַלע שפּיגלען,
אַ זינג, אַ לאַך, אַ שפּרונג —
זי האָט פאַריבל אויף די שפּיגלען —
וויל זיי ווייזן זי צו יונג.

וועלכע קליידער זאָל זי טראָגן,
קאָן זי ניט באַשטימען,
צי די גרינע מיט די קרויזן —
צי די מיט ראָזע בלומען?

גרינע פאַסט צו אירע אויגן,
שוואַרץ צו זיינע לאָקן —
טראַכט פון אים, און קוקט צום טיר
אַביסעלע דערשראָקן . . .

זי וואָלט איר מאַמע׳ן גלייך דערציילן
פון איר גליק אַצינד —
נאָר די מאַמע וועט איר זאָגן —
דו ביסט צו יונג, מיין קינד.

פערצן יאָר איז איר געוואָרן,
זעכצן יאָר איז ער —
די אָרעמס אויסגעשפּרייט ווי פליגל
שפּרינגט זי הין און הער.

דער מאַמע׳ס קלייד זיך אָנגעמאָסטן,
איי־איי־איי, ווי גוט!
איצטער זעט זי אויס ווי זעכצן —
מיט איין מינוט.

שאַט, זי הערט מען גייט אויף טרעפּן,
— אוי, זי האַלט ניט אויס —
ער קאָן נאָך פּלוצלונג קומען
דאָ צו איר אין הויז.

עס קען די מאַמע זיך דערוויסן
פון איר גרויסן גליק,
אויסזאָגן אים אירע יאָרן
און אים שיקן באַלד צוריק . . .

נאָר די מאַמע קוקט און שמייכלט,
די באַקן פלאַמען רויט —
זי זעט איצט אירע יונגע יאָרן
און איר ערשטן „דעיט“ . . .

די קרוין פון אַ מאַמע

איז וואָס אַז דיין טראַכט האָט קיין קינד ניט געבאָרן?
ווי קענסטו גאָר טראַכטן אַז דו ביזט פאַרלאָרן?
איז וואָס אַז דו האָסט קיין קינד ניט געזויגן,
צי קענסטו נישט קוקן דער וועלט אין די אויגן?

זע וויפיל קינדער עס וואָלטן דיר גערן
געגלעט דיינע האָר און געקושט דיר דיין שטערן.
שטרעק אויס דיינע הענט — זיי דאַרפן דיך האָבן, —
היטלער האָט זייערע מאַמעס באַגראָבן.

אַ קליידל, אַ העמדל דיר נאָך פאַרבליבן —
עס וואַרטן אויף דעם ערגעץ קינדערלעך זיבן.
אויף דיין עלנטער קני אַ קינד קאָנסטו וויגן,
וואָס בענקט נאָך דיין גלעט און אַ מאַמעשן ניגון.

דו האָסט איצט, מיין שוועסטער, זייער פיל קינדער,
וואָס וואַרטן זאָלסט ווערן אַ מאַמע אַצינדער
הינטער שטעכיגע דראָטן, פון יענער זייט ימ׳ען.
העלף זיי, און טו אָן די קרוין פון אַ מאַמע!

אַ ליוב דעם בעזים און אַ ליד דעם קריגל

א.

מיין בעזים איז ניט נאָר צום ראַמען און קערן,
עס דאַכט זיך מיר אָפט, אַז מיין בעזים קאָן הערן —
צום טאַקט פון מיין ליד, ער קערט מיר די דילן.
עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז מיין בעזים קאָן פילן.

ניט איין מאָל האָב איך אויף זיין קאָפּ רו געפונען,
זיך אויף אים אָנגעשפּאַרט און לידער געשפּונען,
און טריי איז ער מיר ווי אַ חבר׳ס אַ פּלייצע —
אָפּטמאָל מיר ווילט זיך אים פרעגן אַן עצה . . .

איך האָב איבער אים שוין צעבויגן די גלידער,
געוויגט אים צום טאַקט פון הונדערטער לידער,
איך האָב אויך געציילט שוין זיין יעטוועדער ריטל,
מיין בעזים — איך מוז אים פאַרטראַכטן אַ טיטל!

ב.

עס געפינט זיך ביי מיר אַ העל־ברוינער קריגל,
מען זאָגט, ער געדענקט נאָך מיין מאַמען אין וויגל.
דער ערשטער געטרונקען פון אים האָט איר חתן,
און זי האָט די בלומען מיט אים אָפּגעגאָסן.

אַ ליימענער קריגל, מיט צען טויזנט שפּאַלטן,
וואָס האָט טייערסטע זאַכן ביי זיך שוין געהאַלטן:
מיין מאַמעס קאַרעלן, מיין זיידנס שפּאַקולן,
פעדער און בליישטיפט פון קינדערשע שולן.

עס שעמט זיך דאָס קריגל, וואָס ער איז צעשפּאָלטן,
ווייל ער קען שוין אפילו קיין וואַסער ניט האַלטן.
מיינע נעכטיגע דורות איך זע אין די קאַרבן,
וואָס לויכטן צו מיר מיט רעגנבויגן־פאַרבן.

אויפן האַרצן אַ געמעל, ער האָט צוואַנציג בלעטער,
דאָס איז זיכער די אַרבעט פון מיין באָבעס אַ פעטער,
אין זיי מיינע קינדער די בליקן פאַרזינקען —
און הערן ניט אויף פון דעם קריגל צו טרינקען!

פאַראַנען מאַמעס

(צום מוטערס טאָג)

מען האָט פאַרטראַכט אַ מוטערס טאָג —
גאָר אַ שיינער נאָמען.
לויפן קינדער נאָך מתּנות,
פול זיינען די קראָמען.

האַלדז־בענדלעך, און פּאַטשערקעס,
זיסע זאַכן, בלומען . . .
און אַ קינד פאַרגעסט אויך ניט —
דעם טאָג צו גאַסט צו קומען.

ווערט די „מאַ“ אַ קעניגין,
טראָגט אַ שמייכל צאַרטן
און אויפן טאָג דעם גליקלעכן
די מאַמעס ווידער וואַרטן.

און די וועלט גייט זיי פאַרביי
ווען אויפן שטול מען וויגט זיך.
מיט די שיינע זאַכעלעך
זיצט מען און מען קוויקט זיך.

פאַראַנען מאַמעס דאָ און דאָרט:
אַ לעבן אַזאַ מאַמען!
גרויס איר האַרץ און שטאַרק איר האַנט
צו גרייכן איבער ים׳ען.

אָט די מאַמע רופט און רופט —
ליכט אויף ערד טוט צינדן,
פון יעדן לאַנד און עקן וועלט
פעדעמער פאַרבינדן.

אַזאַ מאַמע אויגן האָט —
ווי מענטשן פון אַלע פאַרבן,
פאַר אַ וועלט אָן קריג, אָן האַס —
איז זי גרייט צו שטאַרבן!

מיר, די וויבער

ניט גיט אונז דעם שטול, מיר זיינען אייך מוחל.
ניט הייבט אייער הוט, ווי אַ פּראַנט.
מען קומט זיך שוין היינט פאַרמעסטן מיט שכל,
מיר טראָגן אַנטקעגן אַ מאַזאָליקע האַנט.

מיר זיינען, ווי איר, פאַרטאָג אויפגעשטאַנען,
כאָטש מידקייט די בעט האָט באַוואַכט,
נאָר די אויגן זיי האָבן די פליכטן פאַרשטאַנען,
ווען מען האָט זיי באַגינען פאַרמאַכט.

דער טאָג גייט אַוועק אין וואַשן און צוואָגן,
אין האָדעווען קינדער און מעסטן דעם זאַלץ,
מען וויל זיך, חלילה, פאַר אייך ניט באַקלאָגן,
היינט איז מען מיט אַרבעט באַערט און גאָר שטאָלץ.

ווייל מיר, אָט־די וויבער פון קיך און פון אויוון,
וואָס ווערן פרי אַלט פון אַרבעט און זאָרגן,
ווערן שוין איצטער אויף לידער אַ מבין
און העלפן אייך בויען אַ ליכטיגן מאָרגן . . .

אַ ליד מיינע הענט

ניט האָט קיין פאַריבל ליבע גוטע הענט —
ווייל איך האָב געמאַכט פון אייך, וואָס קוים מען אייך דערקענט.
איך האָב מיט אייך דעם שניי געראַמט, געאַקערט און געזייט,
פון טיר געהאָלפן טרייבן מיך, דעם הונגער און די נויט.

וואו איך האָב געשיקט אייך הענט, זייט איר גלייך געגאַנגען —
און דורכגעפירט מיר מיין באַפעל און אַלערליי פאַרלאַנגען,
דאָך אָפטמאָל, פירט איר אָן אַ סטרייק, איר קוקט מיר אין די אויגן,
דעמאָלט פונקט, ווען איך דאַרף אייך — ווילט איר זיך ניט בויגן . . .

רייכע פרויען פוצן אייך אין פּאַרפיום און פאַרבן,
און איר, איר מיינע גוטע הענט, מאַזאָליעס טראָגט און קאַרבן.
פאַרגיט מיר, הענט, איר גוטע הענט, וואָס איך האָב אייך פאַרמאַטערט.
איך האָב מיט אייך אינאיינעם דאָך — יאָרן פיל געפאַטערט.

רואיג ליגט און הערט שוין אויף שטראָפן מיך מיט ווייטאָג.
מאָרגן האָב איך אַרבעט פיל, איר זייט מיר אַזוי נויטיג.
דורך שווערן גאַנג, דורך ווייטן וועג, זייט איר מיט מיר געגאַנגען,
און איצטער זייט איר שותפים דאָך צו טויזנטער גענאַנגען . . .

רואיג זייט, איר גוטע הענט, לאָזט אַביסל שלאָפן.
די גאַנצע נאַכט איר מאַטערט מיך — איך ליג מיט אויגן אָפן.
אַ קעניגין טראָגט אַ קרוין מיט דימענטן, וואָס שימערירן.
איר זייט צוויי קרוינען, ליבע הענט! מיט אייך וועל איך שטאָלצירן...

די באַלאַדע פון אַ אידישער „קענדי סטאָר"

1.

איך וועל אייך דערציילן,
וואָס איך האָב געזען
ביי אַ אידיש פּאַרפאַלק,
וואו איך בין געווען.

2.

מען עפנט באַגינען
דעם זיסן געשעפט,
אַ „קענדי סטאָר" האָט מען —
זיכער איר טרעפט.

3.

צוויי הויכע טרעפּלעך,
פירן צום קיך —
אַרויף און אַרונטער —
לויפט זי אויף גיך . . .

4.

ביז שפּעט פון באַגינען,
ביידע אין שפּאַן —
אַ אידישע טאָכטער
מוז העלפן דעם מאַן.

.5

ווי רעדער געאווילטע
עס פליען די הענט,
אַ דאָלער מוז ווערן —
פון ניקלס און סענט.

.6

די טיר זיך צעעפנט
מיט קלונג און מיט קלאַפּ,
דריי קליינע קינדער
נאָך איין „לאָלי פּאָפּ".

.7

זי האוועט און פּאוועט
אויף גיכער, אויף גיך,
אַט שמעקט זי דאָס ברענען
פון טעפּל אין קיך.

.8

שוויס איבער קערפּער
קיין סוף און קיין עק.
אַט ברעכט זי צוזאַמען,
אַט פאַלט זי אַוועק.

.9

און ער איז אַ שטילער,
לאַנגזאַם זיין ריר.
ער קען ניט נאָכיאָגן —
ווי קומט ער צו איר?

.10

אָפּט ווערט זי פאַרביטערט,
און הויבט אויף איר שטים,
ווייזט זיך אים אויס,
אַז זי שרייט עס אויף אים.

.11

בויגט ער אַרונטער
די אויגן צו דער ערד:
פאַרוואָס איז זיין ווייב
אַזאַ לעבן באַשערט?

.12

ער איז מיט קראַנקהייטן
דריי שוין באַרייכט,
האָט היינט אין דער פרי
זיך קוים אויסגעגלייכט.

.13

האָט זי געשלעפּט
קאַסטנס אויף זיך,
וואָס זיינען פאַררוקט
ערגעץ הינטערן קיך.

.14

זי שלינגט איין דאָס עסן —
ווען זי זעצט זיך ביים טיש,
און רוט אויף אַ בענקל
אַ קאַפּ אָפּ די פיס.

15.

אין מיטן דער נאַכט
אַ דאָקטאָר זי ווערט,
ווען דאָס קרעכצן פון מאַן
זי פּלוצלונג דערהערט.

16.

זייער איינציגער טרייסט
איז זייער איינציגער זון,
וואָס זיצט אין אַ ווינקל,
שטיל ווי אַ הון.

17.

פון קאַלעדזש געקומען
אַהער אויף סוף וואָך —
נעמט ער זיך אָן
מיט די עלטערנ׳ס יאָך.

18.

ער ווייס, אַז ער טאָר ניט,
צוליב אים איז עס אַלץ.
אים גיט מען האָניג
און זיי בלייבט דאָס זאַלץ.

19.

דורך לאָקן געדיכטע
די פינגער ער פירט,
קוקט אויף דער מאַמע׳ן
פאַרזאָרגט און גערירט.

20.

נאָר זי הויבט אָן שמייכלען:
— ניט זאָרג זיך מיין זון,
דו לערנסט, און איך האָב
נחת דערפון!

21.

אונזער יונגליבן חלום
מיר זעען אין דיר.
דו פורעמסט אים אויס
פאַר אים און פאַר מיר . . .

22.

און זי הויבט אים אָן פּאַקן
פּעקלעך און פּעק:
— נעם עס, מיין קינד,
אין קאַלעדזש אַוועק.

23.

— אַט האָסטו אַ לעקעך,
דאָס קוגעלע נעם.
פאַרגעס ניט צו געבן
יענעם און דעם . . .

24.

— דזשימי איז אָרעם,
פאַרוואונדעט איז פּיט,
זעקס אידישע בולקעס
פאַרגעס ניט — נעם מיט . . .

25.

טאַטע און מאַמע
קוקן זיך איבער,
די ביטערע פּראַצע
ווערט גרינגער און ליבער . . .

אַלטע פריינט

לאָך ניט אָפּ פון מיינע מעבל: —
כאָטש זיי קאָנען שפּאָרן קוילן,
הער זיך צו, און דו וועסט הערן
זיי קאָנען דיר אַ סך דערציילן.

דאָ, ביים טיש, איז מען געזעסן —
טאַטע, מאַמע און פיר קינדער,
וועסט אַ גראַבל פון אַ גאָפּל
אין אים געפינען נאָך אַצינדער.

אויפן טיש האָב איך געשניטן
אים אַ העמד, און זיך אַ בלוזע;
און געשריבן פעק מיט לידער,
אויפן טיש דאָ, מיט דער מוזע . . .

יאָ, ס׳בופעטל מיט׳ן שפּיגל: —
וועגן אים זאָלסטו ניט פרעגן,
אין שופלאָדן — ברייטע, טיפע,
וואָס איז דאָרטן ניט געלעגן?

און דער שפּיגל האָט געוויזן
פּנים יונג, און פּנים עלטער,
אַ ווייז געטאָן, און גלייך געזאָגט מיר
ניט קיין ליגן, ניט פאַרשטעלטער . . .

און די שטולן, שווערע, דיקע,
אָן שום פליוש און אָן קיין בלומען
האָבן טייערסטע געהאַלטן,
וואָס וועלן שוין דאָ מער ניט קומען . . .

יעדער שטיקל איז געשיכטע,
פון אַ בוך איז עס אַ בלעטל:
טיש און שטולן, גלעזער־אַלמער,
און דער איינפאַכער בופעטל.

איז גוץ געזונט די שיינע מעבל,
טיש און שטולן, אלמערס נייע,
מיינע מעבל בלייבן שטיין דאָ
ווי מיינע אַלטע פריינט געטרייע . . .

זאָל זיין מיט מזל!

(אַ מתנה דער פאַמיליע קוירשנער לכבוד איזאַבעל׳ס חתונה)

איזאַבעל, איזאַבעל —
לאָז זען דיין פּנים;
איך וועל דיך באַזעצן,
איך שטאַם פון בדחנים.

עס פרייט מיך צו הערן —
„דיין גליק דו׳סט געפונען;
אַ דרשה־געשאַנק דיר —
צען טויזנט זונען!

דיינע טעג זאָלן פול זיין,
ווי זיסע מאַראַנצן —
זאָלסט אַרבעטן, לאַכן,
זינגען און טאַנצן.

איר זאָלט קיינמאָל ניט גיין
אויף באַזונדערע וועגן —
אַ פרידלעכע וועלט
זאָל גיין אייך אַנטקעגן".

איזאַבעל, איזאַבעל,
גוטינקע, שטילע,
אַ דרשה־געשאַנק דיר —
דיין מאַמע׳ס אַ תפילה.

שניי-צייט

אונטער קלאָרן געדריי —
אַך, ווי עס ווילט זיך פּונקט ווי אַמאָל
אַרויף אויפן באַרג און אַרונטער אין טאָל,
ווי אַמאָל, ווי אַמאָל!

אַ כאַפּ־טאָן דעם שניי־קויל און אַ שליידער אין ווינט,
ווי אַ קינד.
ניט טראַכטן צי שפּעט, אָדער פרי,
אין שניי ביז די קני —

דורך דער ווייסקייט ווי דער קלאָרער פּאַפּיר,
וואָס ליגט איצט פאַר מיר.
און לויפן אַנטקעגן דעם פראָסט,
דעם קראַגן צעעפנט, צעלאָזט.

און שרייען: עס שנייעט! זעט, עס שנייעט!
און די באַקן פון פראָסט אַזוי פול, אַזוי רויט!
לויפן און לאַכן גיכער און גיך,
און ניט פילן דעם פראָסט דורך צעריסענע שיך.

אַך, ווי עס ווילט זיך יענע צייט איבערנעמען,
זיך טיילן די פרייד מיט דעם און מיט יענעם.
איז לאָמיר פאַרגעסן, די עלטקייט ניט שפּירן.
אָט פאַלט דער שניי, לאָמיר פּרובירן!

אַ זומערדיגע ליד

מיינע אויגן זיינען ליפּן
דורשטיקע נאָך זומער פריידן,
זיץ איך אין אַ טאָל אַ גרינעם,
הער איך ווי די בערג זיין ריידן.

ס׳רופן מיר די פעלזן־שפּיצן,
אויפן העכסטן באַרג צו שפּרייזן,
און די בלומען ווינקען, רופן,
פּרואוון זייער פּראַכט באַווייזן.

גיכער קום צו העכסטע הויכן,
— גיב דיין האַנט, איך וועל דיר פירן, —
רעדט דער גרעסטער בוים פון אויבן,
און רעדט מיך צו, איך זאָל פּרובירן . . .

און איך זיץ אין טאָל אַליין דאָ,
קוק אַריין אין טייך אין קלאָרן,
צייל און צייל די אַלע זומערס,
וואָס איך האָב זיי אָנגעוואוירן . . .

אַ קילער ווינטל גלעט מיין פּנים,
זון פאַרוויקלט מיך אין שטראַלן.
איך טראָג אַ ליד דער וועלט אַנטקעגן,
ווי ווין אין גאָלדערנע באָקאַלן.

די כאָרן געווידמעט

יעטווידער יאָר ווען דער פרילינג קומט אָן
ווערן די זינגער פאַרהאַוועט, פאַרטאָן.
ס׳איז ערב קאָנצערט, די צייט איז ניט לאַנג,
מען קליידט זיך באַשיינען דעם טאָג מיט געזאַנג.

מען קלאַפּט אין די טירן, מען הערט ניט אויף בעטן:
עפנט, עפנט, קויפט די בילעטן!
ניט יעדערער קויפט, ניט יעדן איז וויכטיג,
דערקלערט מען די מענטשן, וואָס שיין און וואָס ריכטיג.

עס לויכטן די זינגער, ווי אין גאָרטן די בלומען,
ווען צו די „רעהוירסעלס״ אין אָונט זיי קומען.
פון קיך און פון שאַפּ, די מידקייט פאַרבויגן,
זיי טראָגן אַנטקעגן די לידער אין אויגן.

איי, וועט מען זינגען! איי, וועט מען זאָגן!
לידער פון שלום, דורך ווייטקייט מוט טראָגן,
געזאַנג וועט זיך גיסן ווי ווייַן פון די טרויבן,
פלאַטערן זינגער, ווי פייגל פון אויבן.

צעעפנט די טירן, פרייַנטלעך און ברייט.
זיי האָבן דורך יאָרן דערפרישט און דערפרייט.
פאַרגעסט ניט צו קומען, געדענקט וואָס איר הערט,
ס׳יום־טוב אין שטעטל! ס׳איז ערב קאָנצערט!

אַ „פרייז פּאַיט״

צווײ יונגע מענער,
ווי צווײ קעמפנדיגע הענער,
שפּרינגען, פאַלן, לויפן,
זעצן זיך אין שלײפן,
האַקן אײנס דעם צווייטן אין די ריפּן.
הערצער צאַפּלען זיך און כריפּען,
בוכטשען זיך אין האַלדז און נאַקן,
בײנער קנאַקן.
אָטעם רײסט זיך איבער,
אויגן ברענען פול מיט פיבער.
נאָר דער עולם לעכצעט נאָך בלוט:
— זעץ, זעץ! אַזוי איז גוט!

***

טויזנטער באַזוכער קוועלן,
ס׳איז זיי שטאַרק געפעלן.

ס'פליען די בילעטן
פאַר געוועטן.
איך פאַר יענעם, דו פאַר דעם,
פלעם, שלעגער, פלעם!
ביז שלעגער האַלטן שוין ביים פאַלן,
עס רינט דער שוויס, ווי וואַסער־פאַלן,
שטייט מען אַ ווייליגנגע אין קלעם,
מען גיט זיך ניט קיין נעם . . .
ווערט עס אַ געשריי, ווי בייזע הינט:
— שלאָג, דערלאַנג! שטאַרקער, גיכער, מער געשווינד!
נאָר זיי ווייסן, אַז די בעסטע עצה
איז אַ ווילע רוען איינער אויפן צווייטנס פלייצע.
לייגט מען נאָענט קאָפּ צו קאָפּ
און מען רוט זיך אַביסעלע אָפּ . . .
אָבער שלאָגן מוז מען ווידער,
נעמט מען זעצן איינס דעם צווייטן אין די גלידער.
אָט בייגט מען זיך נידעריגער,
אָט שפרינגט מען אין דער הויך,
אַ קלאַפּ אין אויג, אַ זעץ אין בויך.
בלוט! בלוט! בלוט!
— אַך, ווי גוט! —
שרייט דער עולם . . .
טראַכטן שלעגער פון בית־עולם . . .
— זעץ, זעץ, זעץ אין מויל! —
נעמען רייען אויגן בליצן
און גראָבע מאָרדעס שוויצן.
פון קליינעם אינגל, ביז אַן אַלטער מומע,
אַלע קייען גומע . . .

***

נעכטן וואָלט ער דעם נעגער אויפגעהאַנגען,
און איצטער זינגט ער אים געזאַנגען!
די רעפּעריען איידל מוזן זיך באַציען,
ווישן אָפּ דעם שוואַרצן,
קלאַפּן אים אין האַרצן,

גיבן אים אַ טרונק.
אַ ווייסע מיידל צום נעגער שלעגער
טוט אַ וואונק:
— זע, „האַני״! רייס אים אויף די נעט!
מיין לעצטן צענערל
געשטעלט כ׳האָב אין געוועט! —
אויסגעוועפּטע מענער,
גרויסע שרייער און קנאַפּע קענער,
גלאַנצן מיט די פּליכעס קעגן ליכט,
ווערן גרין פון אייפערזיכט,
זוכן פּעפּ אין הילכנדיקע קלעפּ.
איינער פרייט זיך זייער שטאַרק
און שפּייט דערוויילע
אויפ׳ן צווייטנס קאַרק . . .

**
*

ביי מיר אין גאַס איז שטיל,
זומערדיג און קיל.
אַלע זיצן ביי דער טעלעוויזיע,
דער פּעטער פּיט,
און די מומע ליזע.
אַ מאַמע וויל איר קינד פּאַרוויגן,
שרייט דער מאַן:
— הער־אויף דיין ניגון!
זעסט ניט אַז אַ „פּאַיט״ גייט אָן?
לאָז מיר האָבן „פאָן״! —
און די שלעגער — זעץ, זעץ, זעץ!
און דער עולם, ווי די ווילדע קעץ,
אַלע שרייען: — גוט, גוט, גוט! —
ביז עס נעמט רינען ביז׳ן דיל
דאָס בלוט.
אויגן אָנגעשוואָלן,
ליפּן אָנגעדראָלן,
זעקסטער, זיבעטער, אַכטער ראַנד,
אַט, אָט, באַלד פאַלט מען זאַלבענאַנד . . .

אויף די גאלערייען נעמט מען טאַנצן,
שרייען, שפּייען, ברענען, גלאַנצן . . .

**
*

אין דער היים זיצן טאַטע־מאַמע,
די מאַמע רייסט שטיקער פון איר פּנים:
— וואָס איז דאָס,
צו אַלע שונאים! —
און דער טאַטע לאָזט ניט אויסריידן קיין וואָרט,
די גרעסטע ביזנעס איז דאָך
אַט־דער ספּאָרט.
— זעץ, זעץ, מיין זון!
ס׳וועט פריילעך אַט דערפון,
וועסט ברענגען געלט,
געלט איז דאָך די וועלט! —
נאָר די מאַמע וויל ניט הערן,
זי רייסט די האָר
און ווישט די טרערן . . .

דריי הונדערט יאָר אידן אין אַמעריקע

דורך דער פּאָן פון דריי קאָלירן,
דורך די שטרייפן און די שטערן,
נעם איך יענע האַנט דערשפּירן,
אַ אידיש קול איך טו דערהערן.

דורך די קאַמפן פאַר די שטאַטן,
לויכט אַרויס דאָס אידיש פּנים
פון אייניקל, ביז זיידנ׳ס טאַטן,
מען האָט געקעמפט מיט אַלע שונאים.

אויף יבשה, איבער ימ׳ען,
האָט אידיש האַנט געפירט, געראָדערט,

ביז מיט ליבשאַפט פון אַ מאַמע׳ן,
מיט יעדער ראַסע זיך פאַרברידערט.

שווערע פּעק אויף זיינע פּלייצעס,
און בריקן האָט דער איד געבויט,
ס׳האָט וואַשינגטאָן געפרעגט אים עצות
און פילע סודות אים פאַרטרויט.

שווערע וועגן, פול מיט שטיינער,
טויזנט שטורעמס — ער אַנטקעגן.
פון שטאָט צו שטאָט אים קען ניט קיינער,
און פּרוּווט דערגרייכן אַלע ברעגן.

קומט אין מזרח, מערב, צפון,
מיט גראָב־געצייג באַשיינט זיין האַנט,
ניט גערוט און ניט געשלאָפן,
נאָר העלפט באַרייכערן דאָס לאַנד.

שרייבער, לערער, אַרכיטעקטן,
אַרבעטער און פינאַנסירן,
שטענדיג לערנט, שטענדיג וועקט ער,
אידיש האַרץ אין אַלע רירן.

דאָך, ווי אָפט ווערט ער באַליידיגט,
דאָ ניט קום, און דאָרט ניט וואוין,
כאָטש ער האָט עס אַלץ פאַרטיידיגט,
אַלץ וואָס ערלעך, אַלץ וואָס שיין.

דריי מאָל הונדערט — וואָס פאַר אַ ציטער!
אונטער פאָן פון סטרייפס און שטערן
גיס אָן בעכער פולער, טיפער,
זאָל די וועלט אונדז זען און הערן.

מיט דער לערע פון דער ביבל,
פאַראייניגטע מיט אַלע לענדער,

מיט שלום־גייסט דורך וועלט ביז שטיבל,
העלפן טרייבן ראַסן־שענדער.

דריי מאָל הונדערט — אך, ווי פּרעכטיק!
אונטער פאָן פון סטרייפס און שטערן,
געדענקט — צו אַלץ איז מען באַרעכטיגט,
עס זאָל אונז נאָר פאַרשטערט ניט ווערן!

אין טיפן וואַלד

איך בין אַריין אין טיפן וואַלד
דעם זומער צו באַגריסן.
עס האָט דער וואַלד געוואָרט אויף מיר,
אַזוי ווי ער וואָלט וויסן.

עפּל־ביימער רונד און פול,
ווי שוואַנגערדיקע פרויען,
האַלטן העלדזער אויסגעצויגן
צו דעם הימל בלויען.

עס פינקלט טוי אויף בלימעלעך
פּורפּורנע און קלאָרע,
און פולע קוסטעס יאַגעדעס,
אַזוי פיל, קיין עין־הרע!

דאָס גראָז איז הויך, גרין און פייכט,
מיט דערפרישנדיגער קילקייט.
איך זיץ אויף ערד און הער זיך צו
צו דער זומערדיגער שטילקייט.

דער גרינער וואַלד אין בלאָ געהילט,
און ווייט פון רעש אין שטאָט.
איך צי אויס די הענט, נעם אַלץ אַרום,
און רוף די שיינקייט — גאָט.

חיים דער בלעכער

(געווידמעט מיין לאַנדסמאַן חיים ריץ)

חיים דעם בלעכער
ווער האָט ניט געקענט?
אַ העלדישער בחור
מיט קרעפטיגע הענט.
געקומען אַהער,
און ווידער סאָלדאַט,
קיין נגיד געוואָרן,
אַלץ פּראָלעטאַריאַט.

צוויי ברייטע פּלייצעס
און וואגיקער טראָט,
אַ יאָט פון די יאָטן
ביי מיר אין מיין שטאָט.
געשטעלט זיך אין רייען
פאַר פרייהייט און רעכט,
מיט וואָרט און מיט טאַט
דורך טעג און דורך נעכט.

איינער פון די
מיט די העלדישע נעמען,
וואָס האָט אָפּגעהיט
אונזער שטאָט פון פּאָגראָמען.
איז ניט קיין וואונדער,
וואָס ער ווערט גאָרניט אַלט.
דער זעלביגער חיים,
די זעלבע געשטאַלט.

אויף היימישער ערד
געלאָזן דאָרט זוימען...
פאַר אייביגן אמת,
פאַר מענטשלעכע טרוימען.
מיר ווינטשן דיר ביידע,
איך און מיין מאַן,
געזונט זאָל באַגלייטן
דיין יעטווידן שפּאַן.

אונזער פאָלקס-אָרדן

(וואָס שונאים האָבן אומגעבראַכט)

1.

פון אַ קלייניבקן זוים
אַזאַ ריזיקער בוים,
ווי אַ מאַמעס האַנט
צעשפּרייט איבערן לאַנד.

אַזאַ מעכטיקער פאָלק,
ס'איז אַ קינד פון מיין פאָלק!

2.

ס'איז אַ האַנט מיר אין נויט
ביים לעבן און טויט,
ווי אַ גליד מיט אַ גליד —
פאַר קריסט און פאַר איד.

3.

ס'איז ליבשאַפט און טרייסט —
וואו דו קומסט, וואו דו גייסט;
ס'איז אַ פאָטערס אַ האַנט
פאַר וועלט און פאַר לאַנד.

4.

ס'איז אַ שול פאַר מיין קינד,
ס'איז אַ צוקונפט צעגרינט —
ס'איז ליכט אויפן וועג
צו גאָלדענע טעג.

5.

ער איז געקומען פון גרונט
צו בינדן אַ בונד
פאַר מיר און פאַר דיר —
איז עפן די טיר!

געווען אַ מעכטיקער פאָלק,
אַ ליב קינד פונ'ם פאָלק!

אַלגין, מײַן מאַמע און איך

(דערינערונגען צו מ. אַלגינס פופצנטן יאָרצײַט)

איר'ט מיר גלױבן, אַז איך האָב מורא געהאַט פאַר אַלגינ'ען? און טאַקע געטראָגן אױף אים אַ שטיקל האַרץ אױך. דאָס שטיקל האַרץ האָב איך געטראָגן אױף אים נאָך פון דװינסק. ס'איז אַזױ געװען:

אַלגין, אַז ער איז געקומען צו אונז אין שטאָט, האָט ער זיך נישט צו אָפט געװיזן פאַר די מאַסן. שױן דעמאָלט איז ער געזעסן דורך די נעכט און געשריבן פאַר די מאַסן זײַנע ליכטיגע װערטער. אָבער געזען האָט מען אים זעלטן. זײַן קומען אין אונזער שטאָט איז געװען אַ מין געהײמעניש. װי אַנדערע, איז ער געװען פאַרזיכטיג און האָט זיך נישט געװאָרפן צופיל אין די אױגן.

װי נאָך טױזנטער אַרבעטער, פלעג איך צעטראָגן אַלגינ'ס װאָרט. זײַנע קלאָרע װערטער האָבן מיך געלערנט לײענען. די אַרבעטער־באַװעגונג איז פאַר מיר דעמאָלט געװען מער פאַנטאַזיע װי װאָר. די אַלע פאַרזאַמלונגען, די אַלע רײד, אַז עס װעט קומען אַ צײַט, װען מ'װעט מער ניט אַרבעטן פאַר אַ רובל אַ װאָך און עס װעט מער ניט זײַן קײן צאַר, האָבן אין מײַנע קינדערשע אױערן געקלונגען װי שײנע מעשה'לעך, און ניט מער.

צו נײַן יאָר האָב איך שױן געאַרבעט אין אַ פאַבריק, בין איך מיט־געלאָפן מיט די עלטערע שװעסטער, מיטגעזונגען מיט זײ און געגלױבט מיט זײ צוזאַמען, אַז די שײנע מעשה'לעך זײַנען אַ חלום אַזאַ, װאָס עפּעס אַ שרײַבער האָט פאַרטראַכט. אָבער װען איך פלעג לעבן טױער פון דער פאַבריק דערזען עמיצן מיט פּראָקלאַמאַציעס, בין איך געװען די ערשטע צוצולױפן און כאַפּן זײ, װי בעת די מאַמע ברענגט פרישע בולקעלעך. און װען איך פלעג שטײן אױף אַ טיש און לײענען די פלאַמיגע פּראָקלאַמאַציעס, פלעג איך זיך װינטשן אַמאָל צו טרעפן זיך מיט דעם מענטשן, װאָס האָט זײ אָנגעשריבן. װער קען ער זײַן? װי זעט ער אױס? איז ער אױף דער פרײַ, אָדער די טײַערע װערטער קומען פון אַ תפיסה, צי פון ערגעץ אַ װײַטן לאַנד?

איך האָב גאָרניט געוואוסט, אַז אין דער זעלבער שטאָט געפינט זיך דער שרייבער פון די פּראָקלאַמאַציעס. ער ווידער פלעגט קריגן גרוסן, ווי אַזוי אין דווינסק געפינט זיך אַ מיידעלע, וואָס לייענט זיינע ווערטער מיט פאַרפלאַמטע באַקן, מיט קלינגענדיגן קול׳כל פּאָר הונדערטער מיידלעך.

איין מאָל מאַכט זיך, אַז איך דאַרף האָבן אימיצן פון דער פּאַרטיי. איך האָב באַדאַרפט אַ בריוו, כדי איך זאָל קאָנען קומען אין אַן אַנדער שטאָט. ווי קומט עס, וועט איר פרעגן, אַז אַ קליין מיידעלע זאָל גאָר וועלן פאַרלאָזן איר היים און זיך אַוועקלאָזן אין אַ פרעמדער שטאָט? איז עס אַזוי געווען: מיין עלטערע שוועסטער איז אַוועק קיין מאָגילאָוו און איז ניט געוואָרן. ווי מיין מאַמע פלעגט זאָגן — אין וואַסער אַריין. איך האָב דווקא יאָ געוואוסט, אַז זי זיצט אין טורמע. דער מאַמען האָב איך ניט געטאָרט דערציילן. פלעג איך אָנשרייבן בריוועלעך, זיך פאַרשטעלן פאַר מיין שוועסטער, און אַזוי ווי די מאַמע האָט ניט געקאָנט לייענען, איז ביי איר רעכט געוואָרן, אַז די טאָכטער אַרבעט און איז געזונט. ביז זי האָט זיך דערוואוסט דעם אמת, און דעמאָלט האָב איך ניט געקאָנט איינזיצן אין הויז. די מאַמע איז געזעסן דורך די נעכט, געריעדט צו זיך, געוויינט און געקלאָגט. ביי טאָג איז זי אַרומגעגאַנגען מיט איר קערבעלע עפּל צו פאַרקויפן, און וואו נאָר אַרבעטער זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, האָט זי גע־האַלטן אין איין פרעגן און מאָנען וואו מ׳האָט פאַרשיקט איר טאָכטער.

איז מיר געוואָרן שרעקלעך שווער צו זיין אין דער היים און איך האָב זיך געהאַלטן אַן עצה מיט מיין פאַרשטייער, איינעם אַן אָסיפּ, וועמען איך האָב זייער ליב געהאַט און ער האָט מיך אויך האָלד געהאַט.

— ווי אַזוי, זאָגט מיר, האָט איר פאַרלאָזט אייער היים? איך ווייס דאָך, אַז איר זייט ניט קיין היגער. איך וויל אַוועק פון דאַנען. ווי אַזוי קאָן איך דאָס טאָן?

ער האָט אַרונטערגעקוקט אויף מיר, ווי קליין איך בין, און געזאָגט:

— איר וואָלט געקאָנט שאַפן אַ סך קלובן פון דער קליינער פּאַרטיי, אָבער איר מוזט האָבן אַ בריוו פון די פירער. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועל איך אייך לאָזן וויסן, צי איר קאָנט דעם בריוו קריגן.

איך בין נעכט ניט געשלאָפן, געוואַרט אויפ׳ן בריוו. די ערשטע זאַך וועל איך בעטן מען זאָל מיך שיקן קיין מאָגילאָוו, וואו איך וועל קענען זען מיין שוועסטער אין טורמע. דערנאָך וועל איך אפשר קענען ברענגען די מאַמע אַהין.

ביז איך האָב קוים דערלעבט. אין אַ פּראָסטיגער נאַכט, נאָך אַ פאַר־זאַמלונג, האָט מיר אָסיפּ אַ וואונק געטאָן איך זאָל בלייבן.

— מיר גייען זיך טרעפן מיט אימיצן, וואָס וועט איך געבן דעם בריוו, — האָט ער מיר שטיל איינגערוימט אין אויער אַריין. — איר וועט זיך אָבער מוזן פאַרקעמען די האָר אין דער הויך, ווייל מיט'ן צאָפּ זעט איר אויס קינדעריש.

איך האָב זיך באמת פאַרשעמט, אַז דער מענטש, וועמען איך האָב ליב און ער מיך האָט אויך האָלד, טראַכט פון מיר ווי פון אַ קינד. אָבער איך האָב פאַרריכט מיין „פריטשאָסקע״, זיך אָביסל אַ צי געטאָן אויף די שפּיץ פינגער און געהאָפט, אַז איך וועל מאַכן דעם ריכטיגן איינדרוק אויפ'ן מענטשן, צו וועמען אָסיפּ פירט מיך.

די איבעריגע מיידלעך האָבן זיך שוין נישט אָנגעזעגן, ווען מיר זיינען אַוועק צום הויז, וואו מיר האָבן זיך געדאַרפט טרעפן מיטן דעם וויכטיגן מענטשן. ס'איז געווען גליטשיק און ווייט. די נאַכט איז געווען אַ פראָס־טיגע. איינגעוויקלט אין מיין מאַמע'ס שאַל, וואָס כ'האָב פון הינטן פאַר־בונדן אין אַ קנופּ, מיט פראָקלאַמאַציעס פאַררוקט אין בוזעם פאַרצולייענען וואַרמעס־צייט פאַר די מיידלעך, בין איך געגאַנגען זיך באַקענען מיט דעם וואונדער־מענטש, וואָס שרייבט די פלאַמיגע פראָקלאַמאַציעס, מיט אַלגינ'ען.

מיר גייען און גייען, ערשט איך זע, אָסיפּ דרייט זיך אַריין אין רויטן קוואַרטאַל אויף פּאָדאָלסקע גאַס. די מאַמע האָט מיר טויזנטער מאָל פאַר־זאָגט די גאַס נישט דורכצוגיין. פרעגן ווי ער קומט מיך פירן אין אַזאַ גאַס, האָב איך ניט געוואָגט, ווייל אפשר ווייסט ער גאָרניט וואָס פאַר אַ געגנט דאָ איז? און די לעמפּעלעך אין די הייזער פינקלען מיט רויטע אויגן און ווינקען . . . דאָ און דאָרט שרייען־אַרויס דורך די טירן פרויען־רופן און ס'הערט זיך געזאַנג פון הייזעריגע שטימען. אָבער איך גיי־מיט. אַ ברירה האָב איך? מיר גייען אַזוי לאַנג, ביז מיר בלייבן שטיין ביי אַ צעבראָכענעם הויז.

— אָט דאָ, זאָגט מיין פירער, — דאַרפן מיר אַריין.

עס איז מיר שלעכט געוואָרן און איך האָב אַ פרעג געטאָן:

— אָט־דאָ געפינען זיך אונזעריגע?

— אָט־דאָ! — האָט ער שטיל געזאָגט מיט אַ טאָן פון פאַרלעגנהייט.
מיר זיינען אַרויף אויף סקריפּענדיגע טרעפּ. מיר האָבן געקאָנט זען די צוויטע העלפט הויז, וואו עס איז געווען פריילעך. שכור'ע מענער האָבן געזונגען, מיידלעך האָבן פרעך געלאַכט. איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז גראָד אַזוינע ערטער ווערן נישט באַפאַלן פון דער פּאָליציי.

מיין באַגלייטער האָט דריי קלאַפּ געגעבן אין טיר, און אַ קליין בלאָנד

ווייבל האָט זיך באַוויזן, מיט אַ ברייטן שמייכל האָט זי מיך איבערגעגנו־מען און אַריינגעפירט אינווייניק אין אַ קנאַפּ־באַלויכטענעם צימער. ביי אַ טישל מיט פּאַפּירן איז געזעסן אַלגין. מיט אים — דריי עלטערע מע־נער מיט בערד. מיין באַגלייטער האָט מיך פאַרגעשטעלט: אָט דאָס איז דאָס מיידעלע, וואָס לייענט אַזוי שיין די פּראָקלאַמאַציעס.

איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר מיין בליק איז גלייך געפאַלן אויף אַל־גינ'ען, כאָטש ער איז מיר ניט געפעלן געוואָרן, ווייל ער האָט געטראָגן גאָלדענע פּענסנע. שוואַרצע ברילן, האָב איך געוואוסט, טראָגן בלינד־לעכע מענטשן, אָבער פּענסנע טראָגן רייכע. איז, ווי קומט אַ רייכער צווישן אונז?

און בכלל האָט אַלגינ'ס גאַנצער אויסזען געמאַכט אויף מיר אַ מאָד־נעם איינדרוק: זיינע שטרענגע בלויע אויגן, וואָס נעמען איך דורך; זיינע גילדערנע האָר ווי פון עפּעס אַ פּריץ, און זיין שיינע, נעטע קליידונג.

שטיי איך אַזוי און קוק אויף אים, ביז ער שלאָגט מיר איבער מיינע געדאַנקען. ער קוקט מיך אַזוי אָן, מעסט מיך אָפּ און טוט אַ פרעג:

— אייער מאַמע איז אייער הויך?

— יאָ, — ענטפער איך.

— זי פאַרקויפט עפּל? — פרעגט ער ווידער.

— יאָ, — וועך איך זייער רויט, וואָס מיין מאַמע פאַרקויפט עפּל.

— דאָס איז אייער מאַמע'ס שאַל? — וויל ער וויסן.

— יאָ, — זאָג איך און שטיי אַזוי שטיל.

— איר בלייבט בעסער מיט דער מאַמען, — זאָגט ער מיר שטרענג, — ווי אַזוי וואָגט איר צו וועלן איבערלאָזן אייער מוטער, אַן אלמנה, איינע אַליין? זי האָט דאָך איצט מער קיינעם נישט.

און צו אָסיפּ'ן זאָגט ער:

— פירט זי אָפּ אַהיים.

אַהיים זיינען מיר געגאַנגען שטילע. איך האָב די ערשטע גענומען ריידן און געזאָגט אָסיפּ'ן, ווי מיר איז יענער מענטש ניט געפעלן און ווי איך וואונדער זיך וואָס אַזאַ מענטש מיט די גאָלדענע פּענסנע איז ביי אונז אַ פירער.

מיין באַגלייטער האָט שטיל געלאַכט. דערנאָך האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר. ער איז זיכער, אַז מיין מאַמע איז געווען אין פּאַלאַטע, וואו מען קומט זיך צונויף, און האָט גערעדט מיט אַלגינ'ען, אים געבעטן, אַז מען זאָל מיך איבעררייד, און אַז אַלגין האָט די לאַגע ריכטיג אָפּגעשאַצט. צוליב מיין יונגקייט, האָט ער געגעבן אַנצוהערעניש,

פאַרשטיי איך נישט אַלגיב׳ס גרויסקייט.

ווען איך בין אַהיים געקומען שפּעט ביינאַכט, האָט די מאַמע פאַר־שטאַנען, אַז איך בלייב אין דער היים.

— ווייסט נישט אַוועקפאָרן, ווי דיין שוועסטער, — האָט זי געזאָגט. — און פאַרפאַלן ווערן צווישן די גזלנים. איך האָב זיך דערשלאָגן צו אייער עלטסטן, אַ לעבן אויף אים. און ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט דיר ניט געבן קיין בריוו.

כ׳האָב יענע נאַכט נישט געקאָנט איינשלאָפן. איך בין געלעגן און האָב געוויינט, וואָס צוליב יענעם מענטשן מיט די גאָלדענע פענסנע איז מיין חלום וועגן אַוועקפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט צעשטערט געוואָרן. און ווער האָט עס מיך אָפּגערעדט? ער אַליין, אַלגין, וואָס מען זאָגט, אַז ער קומט אַרויס פון אַ באַלעבאַטיש הויז און דאָך איז ער אַוועק פון דער היים און זיצט דורך די נעכט אויף אַ צעבראָכענעם בוידעם ביי אַ שרייב־טישל, און דווקא אויף דער מיאוס׳ער, פאַרהאַסטער פּאָדאָלסקע גאַס אין „רויטן קוואַר־טאַל״. און מיר הייסט ער בלייבן אין דער היים און ניט פאַרלאָזן מיין מאַמע!

***

אינמיטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיך אין אַמעריקע צעפלאַקערט באַוועגונגען געגן מלחמה. דער יקרות האָט געברענט, מ׳האָט קיין זאַך נישט געקאָנט קריגן, און יעדן טאָג זיינען פאָרגעקומען גאַסן־דעמאָנסטראַציעס.

אין נואַרק בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם קאָך פון דער אַנטי־מלחמה באַוועגונג זייט ביי זייט מיט ראַבאַי בראַדסקי און מיט דעם באַרימטן העברי גרין. איין טאָג האָבן צוואַנציג טויזנט מענטשן זיך פאַרזאַמלט ביים סיטי האָל אין אַן אַנטי־מלחמה דעמאָנסטראַציע, וואָס איז אַרויס פון די ברעגן. „ברויט און שלום!״ האָט געקלונגען איבער אַלע גאַסן דער רוף פון די אַרבעטער און אַנדערע אָרעמע מענטשן.

איז עס באַשלאָסן געוואָרן, אַז די ברויזנדיגע מאַסן קאָנען אַליין נישט אַנגיין מיט׳ן קאַמף און אַז מען דאַרף האָבן פירערשאַפט. איינער אַ בעלאָוו איז געשיקט געוואָרן קיין ניו־יאָרק צו ברענגען אַ פאַרשטייער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אין דעם אָוונט, ווען דער פאַרשטייער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז געקומען קיין נואַרק, האָבן וואָסערע צען אָנפירער פון דער אַנטי־מלחמה באַוועגונג זיך פאַרזאַמלט אין דעם קליינעם לעיבאָר לאַיסעאום

אויף מאָנטגאָמערי סטריט. איך בין געקומען אַהין די ערשטע און ווען דערזע איך? אַלגיב'ען! און טאַקע מיט זיינע גאָלדענע פּענסנע איבער זיין נאָז. און ווידער דאַכט זיך מיר, אַז ער טראָגט די גאָלדענע פּענסנע נאָר צו וויזן, אַז ער שטאַמט פון די רייכערע מענטשן אין דער אַלטער היים. ער קוקט דאָך סיי ווי אַריבער די ברילן!

אַלגין האָט מיך באַלד דערקענט. ערשטנס, נאָך דער מאַמע'ס געקעסטלטער שאַל, וואָס איך האָב מיטגענומען קיין אַמעריקע; צווייטנס, נאָך מיין האַלטן די ערשטע רעדע. און האָב איך זיך געקאָכט און האָב פאַרגעשלאָגן שיער ביט אַ גאַנצע רעוואָלוציע, און טאַקע מאָרגן! אַז ביי אונז אין שטאָט האָבן מיר צוואַנציק טויזנט מענטשן, וואָס פּאָדערן אַ סוף צו דער מלחמה, מוזן דאָך זיין מיליאָנען איבערן לאַנד, איז — וואָס־זשע וואַרטן מיר?

האָט אַלגין געענטפערט:

— מיר וועלן נאָך מוזן צוואַרטן, ווי דעמאָלט מיט אייער וועלן פאַרלאָזן אייער מוטער.

ער האָט מיך דורכגענומען מיט זיינע בלויע טיפע אויגן און איך האָב ניט געקאָנט אויסהאַלטן זיין בליק. האָב איך זיך געבייזערט און אויסגערופן:

— איר לייגט אַלץ אָפּ!

אַלגין האָט געשמייכלט און כדי צו מאַכן די שטימונג ווייכער האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן:

— אייער מאַמע איז דאָ מיט אייך, צי אין רוסלאַנד?

— מיט מיר, — האָב איך אים באַרואיגט. ער האָט זיך דערפרייט און פון דער העלער הויט אַ פרעג געטאָן:

— איר לייענט נאָך אַזוי שיין ווי אַמאָל?

— איך וואַרט אויף אייערע פלאַמיגע שריפטן, — האָב איך אים אַריינגעזאָגט, וויסנדיג, אַז ער שרייבט ערגעץ־וואו, נאָר איך קאָן אים ניט געפינען.

אָט אַזוי האָב איך אָנגעהאַלטן מיין כלומר'שטע געגנערשאַפט צו אַלגיב'ען, ווען איך האָב אין דער אמת'ן באַוואונדערט. איצט פאַרשטיי איך, אַז מיין קריגערישע שטימונג בנוגע אַלגיב'ען האָט זיך טאַקע גענומען דערפון, וואָס איך האָב אים — אַליין דאָס נישט וויסנדיג — באַוואונדערט.

מיט דעם געבוירן־ווערן פון דער „פרייהייט" זיינען מיר צוריק געוואָרן נאָענטע. צו יענער צייט האָבן מיר שוין „געביסן די פינגער" צו

ווערן אַ שרייבערקע, און ס׳האָט מיך געשראָקן דער געדאַנק, אַז אַלגין זאָל ניט אַמאָל ווערן מיין רעדאַקטאָר. איך האָב שוין געוואוסט, אַז אַלגין קאָן ניט פאַרטראָגן קיין אומוויסנקייט, און איך האָב דאָך קיין בילדונג נישט פאַרמאָגט. דער דראַנג צום שרייבן האָט מיך געמאַטערט. אָבער מיין פערזענלעכע לאַגע איז געווען אַ צרה׳דיגע: אין דער היים — קליינע קינדער און אָרעמקייט, און אַוועקזעצן זיך לערנען האָב איך גאָרנישט געקאָנט טראַכטן. און דאָ זאָגט מען מיר, אַז אַלגין איז געוואָרן דער רע־דאַקטאָר פון דער „פרייהייט״! דער נאָמען מאָיסעי האָט מיך פריטשמע־ליעט. איז גיי דערוועג זיך אָנצובאָטן מיין ליד אַלגינ׳ען!

נאָר איך האָב זיך אַן עצה געגעבן: כ׳האָב צוגעשיקט מיינס אַ ליד דורך פּאָסט. איך וואַרט און וואַרט — ניטאָ קיין ענטפער און דאָס ליד איז ניט געדרוקט. כאַפּ איך זיך אַריבער צו זען, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מיין פּאָעמע.

די באַגעגעניש מיט אַלגין דעם רעדאַקטאָר האָט מיך געשראָקן. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז פונקט ווי דעמאָלט, ווען ער האָט מיר געהייסן בלייבן מיט דער מאַמען, ווייל איך בין צו יונג צו פאַרלאָזן די היים, וועט ער מיר איצט הייסן בלייבן אין דער היים מיט די קינדער און מיט מיין מאַן, ווייל איך בין נישט קיין געלערנטע און עס זיינען דאָ גענוג דיכטער אָן מיר.

און ציען ציט מיך צו אַלגינ׳ען ווי מיט אַ מאַגנעט. איך האָב פאַר אים מורא, ווייל איך האָב פאַר אים גרויס דרך־ארץ און באַוואונדערונג. מיין פּאָעמע איז גראָד אַ גרעסערע זאַך און איך פיל, אַז מיין גורל שטייט אין קאָן. וועט ער זאָגן, אַז איך זאָל שרייבן ווייטער, וועל איך שוין ווערן אַ שרייבערקע אויף מיין גאַנצן לעבן. און טאָמער, חלילה, ניט — איז עק וועלט.

אַלגין איז אין אַ באַזונדערן צימער, און הינטער זיין טיר וואַרטן אַנ־דערע אַזוינע שרייבער ווי איך. איינע אַ שרייבערקע איז אויסגעפּוצט און זי קאָכט זיך. זי וועט זיך צעקריגן מיט אַלגינ׳ען, זי וועט אים דער־לאַנגען!

מיר וואַרטן און וואַרטן, און עס פאַלט מיר איין, אַז אפשר איז גאָר אַלגין נישטאָ ביי זיך אין צימער. לאָז איך איבער די צעקאָכטע שריי־בערקע און גיי אַרונטער אונטן אין רעסטאָראַן צו באַרואיגן מיין געמיט מיט אַ טעפּעלע קאַווע. ערשט איך זע, אַלגין זיצט ביי אַ טישל. כ׳האָב נישט געוואָלט אים איבערשלאָגן זיין גוואַלדאָוונעם מאַלצייט, זיץ איך פונ־דערווייטנס און האָף, אַז ער וועט מיך דערזען.

און ער האָט מיך דערזען.

— באַרקאַן ! — האָט ער אויסגערופן, — איך דאַרף אייך טאַקע האָבן. בין איך צוגעגאַנגען ווי אַ בעטלער צו אַ קעניג.

— אייער פּאָעמע, — מאַכט ער, — איז זייער גוט, נאָר עס האָט פּאַסירט אַן אומגליק: דאָס ערשטע בלעטל איז פאַרלאָרן געגאַנגען. גייט אַרויף, זייט אַזוי גוט, אין מיין צימער. אייער פּאָעמע ליגט אויף מיין שרייב־טיש. שרייבט־אָן אויף דאָס ניי דאָס ערשטע בלעטל.

איך בין אַרויפגעפלויגן מיט די טרעפּ און אַריין אין רעדאַקציע־צי־מער. דעמאָלט זיינען אַלע שרייבער געזעסן אין איין צימער ביי לאַנגע טישן. דער רעדאַקטאָר האָט געהאַט אַ באַזונדערן צימער.

איך בין אַריין אין אָלגינ׳ס צימער. מיין פּאָעמע איז געלעגן אונטער אַן אייזן. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אָלגינ׳ס שטול און גענומען איבערשרייבן פון זכרון די ערשטע פינף פערזן פון דער פּאָעמע. אין מיטן שרייבן האָב איך דערהערט אַ שטים: „אַ שין, אַ שין, באַרקאַן !“. אָלגין איז געשטאַנען הינטער מיר. אַ ברען איז מיר דורך דורכ׳ן קערפּער.

— איר וועט מוזן לערנען און ווידער לערנען, — האָט אָלגין געזאָגט און צוגענומען מיין פּריש־אָנגעשריבענעם בויגן פּערזן. ער האָט מיר געדריקט די האַנט און איך בין אַרויס פון זיין צימער אָן אַ וואָרט און אָן אַ פראַגע.

פון דעמאָלט אָן האָב איך אָנגעהויבן גיין צו אַלע אָלגינ׳ס לעקציעס אין אַרבעטער־אוניווערזיטעט און וואו נאָר ער האָט גערעדט. ווינטער פלעג איך פאָרן דריי נעכט אַ וואָך פון נואַרק קיין ניו־יאָרק. מיינע קינ־דער זיינען געווען שטאָלץ מיט דער מאַמען. זיי האָבן מיר אַרויסגעהאָלפן, כדי איך זאָל באַלד נאָך וועטשערע קאָנען אַוועקפאָרן. איינע האָט צע־וואַשן דאָס געפעס, אַ צווייטע האָט צוגעגרייט די קלענערע צום שלאָפן גיין. אַזוי האָב איך אָפּגעהאָרעוועט צוויי ווינטערן.

ערשט איין מאָל דערוויס איך זיך פון אַ געוויסן שרייבער, אַז אָלגין האָט געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז מען זאָל די באַרקאַן ניט טשעפּען. זאָל זי שרייבן ווי זי שרייבט, זי וועט זיך ווי עס איז דורכמאַטערן. און נאָך האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס ערשטע בלעטל פון יענער פּאָעמע מיי־נער איז נישט פאַרלאָרן געגאַנגען, נאָר אָלגין האָט געהערט, אַז איך אַליין שרייב נישט מיינע זאַכן, נאָר מען שרייבט עס אָן פאַר מיר. האָט ער מיך אויסגעפּרואווט.

אָלגין האָט געאַרבעט איבער די כוחות. האָט געדאַרפט אַרומפאָרן אי־בערן לאַנד און האַלטן רעדעס און מאַכן זאַמלונגען פאַר דער צייטונג, וואָס

האָט יעדן טאָג געהאַלטן ביים אונטערגיין. אַלץ צוזאַמען האָט זיך אָפּגע־שטעמפּלט אויף זיין פּנים און אים געמאַכט אויסזען פאַרמאַטערט.

טאָמער האָט אַלגין געהאַט ווייניג ערגערניש, קום איך נאָך אין פריי־מאַרגן זיך אָ קאַפּעטשקע קריגן מיט אים. וואָס איז? ער האָט געשניטן מיינע אַ פּאָעמע. ס'איז געווען וועגן דער שחיטה אויף אַרבעטסלאַזע ביי דער פערד־פאַבריק. די שחיטה איז פאָרגעקומען אין אַ ווינטערדיגן טאָג. האָב איך אָנגעשריבן אַ פּאָעמע וועגן בלוט און שניי. האָט אַלגין שטאַרק געשניטן די פּאָעמע. דאָס האָט מיך זייער פאַרדראָסן. מיר האָט זיך גע־דאַכט, אַז ער האָט אָן רחמנות געשניטן די פּאָעמע נאָר דערפאַר, וואָס איך בין ניט געגאַנגען אין די גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן אַזוי ווי ער.

אויף מיין באַזוך אין דער רעדאַקציע צו קריגן זיך מיט אַלגינ'ען האָב איך מיטגענומען מיין מאַן: זאָל ער זען ווי אַלגין האַלט פון מיר און הערן ווי איך האָב קיין מורא נישט צו שטעלן זיך געגן אַלגינ'ען. זיינען מיר אַריין אין אַלגינ'ס צימער און ער האָט מיר דערלאַנגט אַ שטול. נעם איך זיך אויס'טענה'ן מיט אים: סטייטש, פאַרוואָס האָט ער געשניטן מיין פּאָעמע?

האָט ער מיר געענטפערט מיט זייער אַ שטרענגן טאָן, אַז ווען עס גיסט זיך בלוט, טראַכט מען נישט פון קיין פּליטערלעך און מען באַ־שרייבט נישט די שיינקייט פון שניי און דעם געמיש פון רויט און ווייס. איך האָב זיך אָבער געהאַלטן ביי מיינס, אַז דעם טויט מעג מען אויך באַפּוצן.

דאָ איז אַלגין געוואָרן אויפגערעגט און מיר געזאָגט:

— מער האָב איך מיט אייך ניט וואָס צו רעדן!

איך בין אַרויס אַ פאַרשעמטע און אַ פאַרקלעמטע. פאַרן מיר אַרונ־טער מיט'ן עלעוועיטאָר און מיין מאַן רעדט נישט אַרויס קיין וואָרט. פאַר־קערט, ער האָט מיטגעלייד מיט מיר. אויסהאַלטן פון רעדאַקטאָרן, זאָגט ער ענדלעך, דאַרף מען זיין פון אייזן.

און פּלוצים וואַקסט־אויס אַלגין צווישן אַ רעדל שרייבער. ער גייט צו צו מיר און דערלאַנגט מיר זיין האַנט.

— איך וויל זיך אַנטשולדיגן פאַר אייך, פאַר זיין צו שטרענג צו אייך, — זאָגט ער.

— פאַר שניידן מיין פּאָעמע? — פרעג איך מיט טריאומף.

— ניין, ניין, שניידן האָט מען געדאַרפט, — ענטפערט ער, און די אַרומיגע לאַכן.

פון דעמאָלט־אָן האָב איך געהיט יעדע באַמערקונג, וואָס אַלגין האָט

געמאַכט וועגן מיין שרייבן. איך בין געלאָפן צו זיינע לעקציעס אין פּראָ־לעטפּען, וואו איך בין געווען אַ מיטגליד.

און איצט טראַכט איך און קאָן ניט פאַרגעסן ווי אַזוי אַלגין האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט די נייע שרייבער: ווען ער האָט געשטעמפּלט, אַז ס'וועט גאָרנישט אַרויסקומען, דער איז טאַקע נישט געוואָרן קיין שריי־בער; און ווען ער האָט געלערנט און שטרענג קריטיקירט, ווייל ער האָט אָנערקענט דעם שרייבער'ס טאַלאַנט, דער איז טאַקע פאַרבליבן אין אונזערע ליטעראַרישע רייען.

איצט, פופצן יאָר נאָך אַלגין'ס טויט, זע איך אים און פאַרשטיי אים אַ סך בעסער ווי אין מיינע יונגע יאָרן און אין די ערשטע יאָרן פון מיין שרייבן. איצט זע איך, אַז דורך די גאָלדענע פענסנע האָט אַרויסגעקוקט אַן איבערגעגעבענער לערער, אַ געטרייער פירער און אַ גרויסער מענטש.

קינדער

אַ מאַמע אויף דער וואַך

לעבן סקול־ראָג שטייט אַ מאַמע
אַנשטאָט דעם פּאָליציאַנט;
אַלע, אַלע — בלייבן שטיין,
ווען זי הויבט איר האַנט.

אויסגעפּוצט אין בלוי און ווייסן,
שיין — נאָר ווי זי קען.
נאָך די קנעפּ און ווייסע הענטשקעס
קאָן מען זי דערזען.

פּאָר נאָך פּאָר עס גייען קינדער . . .
איינער טוט אַ לויף!
כאַפּט די מאַמע גלייך איר פּייפל,
און זי טוט אַ פּייף.

ווייל אַ טרייבער זיין אַ „קלוגער" —
דרייט פון איר זיין קאָפּ.
גייט זי צו צום גרויסן „חכם"
און זי שטעלט אים אָפּ.

„זע — אַ לעידי, זע — אַ שמיידי..."
טוט ער גלייך אַ לאַך.
נאָר זי טוט איר פליכט פּאַר קינדער,
ס'אַרט איר ניט קיין זאַך.

טיר פון סקול איז ברייט און אָפן,
שמייכלט גוט און פיין,
ביז די קינדער, פּאָר נאָך פּאָר,
גייען דאָרט אריין.

לעבן סקול עס שטייט אַ לעידי,
וואָס מען רופט זי — „מאַם״,
צווישן אַפּגעהיטע קינדער
אויך איר ליל און טאַם.

אַזוי שטייט זי, טאָג נאָך טאָג,
און די קינדער היט
און די פרייד, וואָס זי היט קינדער,
אין אירע אויגן גליט.

מיין קליינע אַקטריסע

אַ פּאָר גרינע אויגן
און צוויי שוואַרצע צעפּ,
זי קלאַפּט אויס אַ לידל,
ווען זי לויפט אויף די טרעפּ.

וואָס ווילסטו זיין,
סילינקע, זיסע?
ענטפערט זי אָפּ:
כ׳וועל זיין אַן אַקטריסע.

אין דער מאַמעס אַ קלייד,
אין דער באָבעס אַ בלוזע —
אָט סערע בערנאַרד,
אָט עלינאָר דוזע.

מיט אַ פּנים פאַרשמירטן
לייגט זי זיך שלאָפן,
מיט שעקספּיר׳ס אַ בוך
האָב איך זי געטראָפן.

אַ הויז פול מיט קינדער
נעמט זי צוזאַמען,
פאַרקליידט זיי, דערפרייט זיי
און רעדט אַלץ אין גראַמען.

אַ פּעני אַריינגיין,
דער טיש איז די בינע,
און אויף מיין קליינער אַקטריסע
רוט שוין די שכינה.

זי טוט אָפּ אין הויז
אַלערליי שטוקעס,
די אַלמערס פאַרפולטע
מיט פאַרב און פּאַרוקעס.

ס׳איז שווער אַזאַ לעבן,
מען טוט זי דערקלערן,
הייבט זי אָן וויינען
און וויל גאַרניט הערן.

איך שטיי און איך קוק
אויף מיין מיידעלע, שיינע,
און זע אין איר — זיך —
ווען איך בין געווען אַ קליינע.

אַ סטאַטוע פון לינקאָלן אין נוואַרק

אויף אַ שטיינערנעם באַנק, צווישן צוויי ביימער,
זיצט אונזער לינקאָלן, ווי אַ גרייז־גראָער שומר.
שטורעם און קאַמף אין די לאָקן געדיכטע,
קנייטשן אין פּנים, ווי שורות געשיכטע.

די הענט אויף די קני, אַביסל געבויגן,
קוקט ער מיט ליבשאַפט אין יעדערנס אויגן.
עס קומען דאָ בירגער פון אָרעמע גאַסן,
אידן און קריסטן פון אַלערליי ראַסן.

ער הערט יעדעס וואָרט, וואָס אַלע דאָ ריידן.
באַקאַנט זיינען אים דיליידן, די פריידן.
מען רעדט זיך דאָ אויס די צרות פון האַרצן,
ווי אַזוי מען באַהאַנדלט ביי אונז נאָך אַ שוואַרצן.

אין זיין טאָג פון געבורט, קינדערלעך קומען,
באַהענגען זיין ברוסט מיט קראַנצן פון בלומען.
מער רייט אויף זיין רוקן, מען זיצט אויף זיין קני,
ער שמייכלט צו זיי מיט אַ גליקלעכן גלי.

נאָר ווען עמיצער וואָלט זיך צו אים צוגעהערט,
וואָלט מען פון זיין ברוסט אַ זיפץ נאָך דערהערט.
אויף אַ שטיינערנעם באַנק, מיט קראַנצן באַערט,
זיצט אונזער לינקאָלן פאַרטרויערט, פאַרקלערט . . .

אַ הײם פֿאַר פֿײגעלעך

אַ צװײַגל, אַ פֿאָדעם,
װאַסער און לײם —
צװײ קלײנינקע פֿײגעלעך
בױען אַ הײם.

פֿליִען און גליִען —
מען טוט, װאָס מען קאָן,
פֿאַר קינדערלעך קלײנע
אַ הײם גרײט מען אָן.

די שנאָבלען װי זעגן,
די פֿליגלען װי הענט
און פֿאַרטיק אַ הײם —
אָן שטײער, אָן רענט.

אויף פֿעלדער איז קאָרן,
און װאַסער אין טײַך . . .
איז זײ דאָך בעסער
װי מיר און װי אײַך.

װאָלט איר געװאָלט
האָבן אַ הײם —
העט־העט אין דער הױך,
געגן זון אויף אַ בױם ?

די װעװערקע

פֿון אַלע הײַזער אין מײַן גאַס,
פֿון אַלע, אַלע שװעלן
איז דער קלײנער װעװערקע
נאָר מײַן שװעל געפֿעלן !

עפֿן איך די טיר פֿאַר איר
און גיב איר אַ פּאָר ניסלעך,
װערן באַלד צװײ הענטעלעך
פֿון אירע קלײנע פֿיסלעך.

קנאַקט און קנאַקט די ניסעלעך
און קוקט אויף מיר אָן שרעק.

דרייט און דרייט, צום טאַקט זי דרייט
איר פּוכיק-שיינעם עק.

אָפּגעגעסן אָנבייסן,
וואַשט זי אָפּ איר מיילכל,
און קוקט אויף מיר מיט דאַנקבאַרקייט,
און טוט צו מיר אַ שמייכל.

אַט אַזוי קומט זי צו מיר
יעטווידן פרימאָרגן —
ווי די זון קומט נאָר אַרויס
און זאָגט צו מיר — גוט מאָרגן!

משה און פּיטער

איך קען צוויי מענער —
משה און פּיטער.
ס'איז יעדער באַזונדער
אויף זיין אַרבעט געניטער.

לויפט אונזער וואַסער,
קומט פּיטער צולויפן . . .
אַ דריי און אַ קלאַפּ
און פאַרדרייט שוין די שרויפן.

קויפט פּיטער אַ בגד —
אַביסל צו-גרויסן,
כאַפּט ער זיך גלייך
אַריבער צו משה'ן.

זיצט משה און נייט,
שטייט פּיטער פאַרטראַכט —

ווי שיין עס האָט משה
די אָרבל געמאַכט . . .

ער היט משה׳ס הענט
פאַרגאַפּט און פאַרוואונדערט :
ער קען דאָס ניט טאָן,
ווען מען גיט אים אַ הונדערט.

שטייט פּיטער בײַם „סינק״.
שטייט משה און טראַכט :
ווי גיך ער האָט עס
די קראַנען פאַרמאַכט.

דער גוטער וואָלקן

צוויי קליינע אינגלעך
האָבן עסן גענומען
און זײַנען אין טיפן וואלד
אָנגעקומען.

דער וואַלד איז פאַרפּוצט
אין שיינע קאָלירן,
האָבן זיי גענומען
אַלצדינג שטודירן :

די בלומען, די ביימער,
אַלערליי זאַנגען,
עס האָבן די פויגל —
זיי באַגלייט מיט געזאַנגען.

שטודירט און שטודירט,
און אויך ניט פאַרגעסן,

אַז דער מאַגן דערציילט,
אַז מען מוז עפּעס עסן.

זאָגט ערשטער אינגל:
— כ׳וועל בולבעס אָפּבראָטן. —
ענטפערט דער צווייטער:
— ס׳איז פייער פאַרבאָטן!

פאָלגט ניט דער ערשטער,
און גיט צו פאַרשטיין, —
אַז ער קען מאַכן פייער,
פון אַ שטיין, מיט אַ שטיין . . .

אַ שטיין מיט אַ שטיין,
אַ זעץ און אַ קלונג
ביז עס האָט זיך באַוויזן
אַ פונק נאָך אַ פונק.

אַ פלעמל, אַ פונקל, —
און אַ גרעסערער פייער,
וואָס רייסט זיך צו בוימער —
ווערט פרייער און פרייער.

עס ווערט יעדעס בוים
אַ פלאַמיג פעכער,
וואָס פליט און וואָס רייסט זיך
אַלץ העכער און העכער.

ס׳איז קיינער ניטאָ
צו העלפן די צוויי,
צו ענטפערן אינגלעך
אויף זייער געשריי.

זיי לויפן און שרייען,
ביידע צוזאַמען,
און הינטער די צוויי
פליען נאָך פלאַמען.

נאָר אַ וואָלקן, אַ גוטער,
האָט אַלצדינג דערזען,
און גלייך איז דער גרויסער
וואונדער געשען:

ס'האָט דער וואָלקן צעריסן
זיינע גרייז־גראָע טוכן
און אויף אַלצדינג אין וואַלד
האָט גענומען באַלד פליוכען.

אַ כוואַליע וויל זען די וועלט

ס'האָט אַ כוואַליע זיך פאַרוועלט
אַרויס פון ים צו זען די וועלט;
נעמט אַזוי זיך איין־אַליין,
און צו דער וועלט זי לאָזט זיך גיין.

נעמען כוואַליעס ביי איר בעטן:
זע, מען זאָל דיך ניט צעטרעטן!
ניט קיין עצה, ניט קיין פרעג,
גייט די כוואַליע גלייך צום ברעג.

פיסלעך זילבער, אויגן גאָלד,
און די ווייטקייט האָט זי האָלט,
ניט קיין טרעפּן, ניט קיין שוועל
און די זון שיינט ליכטיג העל.

שטייט אַ בערגל זאַמד אין וועג,
טוט בײַם כוואַליעלע אַ פרעג:
ווילסט אַ שטיבעלע פאַר זיך?
קום אַריין צו מיר אויף גיך.

מיינט די כוואַליע — דאָרט איז וועלט,
גייט אַריין אין זאַמד-געצעלט.
און דאָס בערגל — ניט געטראַכט,
האָט דאָס טירעלע פאַרמאַכט . . .

איצט, ווען ברעג איז שטיל און לער,
לויפן כוואַליעס הין און הער.
ביי דעם ליכט פון לבנה-שײַן
זוכט מען: וואו קען די כוואַליע זײַן?

יאַנקעלע, נעבעך!

יאַנקעלע איז אומעטיג,
ס'איז אים זייער ביטער —
היינט איז שבת מוז ער טראָגן
זײַן נייאינגן גאַרניטער.

און ער וויל גאַר אין גאָרטן גיין
אַ ווערימל אויסגראָבן —
ווײַס ער ניט פאַרפאָס ער דאַרף
די נייע קליידער האָבן?

מאַמע, גיב די אַלטע הויזן,
הערט ער ניט אויף בעטן;
עס וואַרט אויף אים דער נאַסער ליים,
ער מוז גיין טעפּלעך קנעטן.

ווער האָט, מאַמע, דיך געבעטן
מיינע שיך אָפּפּוצן?
זע נאָר מיינע ריינע הענט,
ווי קען איך זיי גאָר נוצן?

שטייט יאַנקעלע אָן אויסגעפּוצטער,
טראַכט פון בלאָטע, זשאַבעס,
און פרעגט זיך נאָך:
מאַמע, זאָג, ווען ענדיגט זיך דער שבת?

קעצל און הינטל

מיין קעצל כאַפּט נאָך ניט קיין מייז,
און מיין הינטל וויל ניט בילן...
שטיפן זיי דעם גאַנצן טאָג,
און זיי האַלטן אין איין שפּילן.

ווען איך טו מיין פאַרטעך אָן,
כאַפּן זיי די שנירלעך . . .
פרעג איך — ווער האָט עס געטאָן?
שווייגן זיי מאַנירלעך.

ווי איך הויב נאָר אָן צו קאָכן,
איז שוין אויפ׳ן טיש.
קוקט אויף מיר, ווי זי וואָלט פרעגן —
ועסט היינט קאָכן פיש?

זעץ איך זיך אַוועק וואָס שטריקן,
כאַפּט הינטעלע דעם קנויל.
קומט צולויפן ס׳קעצל
און כאַפּט עס פון זיין מויל.

און ווען איך זעץ זיך לייענען,
כ׳קוק נאָר אריין אין בוך,
קומט צולויפן ס׳הינטל
און שלעפּט אוועק אַ שוך . . .

און ווי איך זעץ זיך שרייבן,
איז קעצל אויף מיין פּלייצע.
וואָס טוט מען מיט די שטיפער?
קינדער, גיט אַן עצה!

לידער וועגן פייגעלעך

הויך אויף מיין דאַך וואוינען פייגעלעך אַ סך,
אינאיינעם ווי ברידער און שוועסטער.
דורך באַגינען דעם שטילן, נעמען זיי שפּילן —
אינאיינעם אין גרויסער אָרקעסטער.

איך דערהער פון מיין קישן דעם ניגון דעם זיסן,
נעם איך די ווערטער פאַרשרייבן —
זייער זינגען צוזאַמען פאַרוועב איך אין גראַמען,
זייער ליד זאָל אויף אייביק פאַרבלייבן.

זינגען לידעלעך נייע די פייגעלעך געטרייע,
זיי באַגריסן די ביימער און בלומען.
ווי פאַר אַ כלה, פאַרנויגן זיך אַלע
אין אַ קאַראַהאָד ארומגענומען.

***

אַ גרויסן וואונדער האָב איך היינט געזען.
מיר דאַכט, אַז דאָס איז נאָך ביז איצט ניט געשען —
ראָבין רויט-ברוסט האָט בלוי-דזשיי געקושט,
אַזאַ פרייד איז אַרום זיי געווען . . .

און מיר האָט געדאַכט, אַז זיי עפּעס פּלאַנירן,
און לערנען דעם מענטשן ווי אַזוי זיך צו פירן.
זיי וועבן דעם חלום פון פריינטשאַפט און שלום...
ווי גוט ס'איז געוועןמיר צו זען דאָס.

די צוויי ברידערלעך — די ראָזענבערג קינדער

ס'האָט דער טאַטע געאַרבעט פון פרי ביז'ן שפּעט
זיינע אינגעלעך צוויי צו דערנערן;
און די מאַמע געזונגען, געקוקט און געזען
אירע קינדער ווי ליכטיגע שטערן.

די ברידערלעך צוויי, זיינען גליקלעך געוועזן
מיט עלטערן גוטע אַזוינע,
וועלכע אַרבעטן שווער און ליבן זיי שטאַרק —
געלערנטע, קלוגע און שיינע.

נאָר די, וועלכע ליבן מלחמה און געלט
קענען קיין פרייד ניט פאַרנעמען —
איר ווייסט שוין אַליין וועגן וועמען איך רעד,
איך וויל אייער האַרץ ניט פאַרקלעמען.

דאָך שטאַרק דאַרף מען זיין און ווייסן אַלצדינג,
קינדער און גרויסע צוזאַמען.
וועגן די ברידערלעך צוויי, וואָס זיינען באַרויבט
פון זייער טאַטן און מאַמען.

איצט זיינען געבליבן די ברידערלעך צוויי,
ווי שיפלעך אויף ברויזיגע ים'ען —
דורך שלאָפלאָזע נעכט מורמלען זיי שטיל
און וויינען נאָך טאַטן און מאַמען.

און די ברידערלעך צוויי, אומשולדיג אַזוי
קענען די זאַך ניט באַגרייפן . . .
זיי ווילן זיין פרייִלעך, שפּילן ווי איר —
שפּרינגען, זינגען און פייפן.

זיינען מענטשן פאַראַן אין יעטווידן לאַנד,
וואָס אַרבעטן פלייסיג צוזאַמען —
און פילן דעם ווייטאָג פון די ברידערלעך צוויי
און די אומשולד פון זייער טאַטן און מאַמען.

דער קלוגער יאַנקעלע

ווי יאַנקעלע דערזעט אַ בוים —
טוט ער גלייך אַ קלעטער,
ווייל עס ווילט זיך יאַנקעלען
זיין העכער פון זיין פעטער.

ער זיצט און וויגט זיך אויף אַ צווייג
צווישן בלעטער-פּלאָנטער —
פעטער, פעטער איך בין גרויס! —
שרייט יאַנקעלע אַרונטער.

ווען ער דאַרף אַרונטערגיין
הויבט ער זיך אָן שעמען,
ווייל זיין פעטער מוז אים קומען,
— פון בוים אַרונטערנעמען.

דאָ ווערט יאַנקעלע אַ קלוגער
און טוט אַ זאָג צום פעטער:
— איך קען ניט אַרונטערגיין,
נאָר דו פּרוביר — גיי קלעטער . . .

אַ רעגן

אַלע פענצטער, אַלע לאָדן
אין דעם רעגן אויסגעבאָדן.
יעדער טראָפּנדל דער קלענסטער
קוקט אַריין ביי מיר אין פענצטער.

אויך די אַלטע ברודנע שטיינער
לויכטן איצט ווי קלאָרע ציינער
גלויבן, אַז פון זייערטוועגן
איז געפאַלן פרילינג רעגן.

כאַפּט זיך אויף די ערד פון דרעמל,
זי זעט אַ בלום, זי זעט אַ שוועמל,
הערט ניט אויף דער רעגן קוועלן,
עס איז די פרייד אים שטאַרק געפעלן.

טאַנצט ער מערער, פליט ער העכער,
יעדער טראָפּן אַ לאַנגער בעכער,
— רעגן, רעגן ברענגסט אונז נוצן,
זאָל די ערד אין גרין זיך פּוצן.

יאַנקעלע און זיין „זו"

יאַנקל איז אַ גוטינקער,
ער האָט אויף אַלץ רחמנות.
ברענגט ער צו זיין מאַמע'ס טיר
אַלערליי מתנות.

מאַמע, זע, אַ הינטעלע —
אַ שיינינקער, אַ געלער.
איידער מאַמע זאָגט אים: — ניין —
שלאָפט דער הונט אין קעלער.

מאַמע, כ'האָב אַ פויגל גאָר,
ער איז פריילעך און געטריי.
און יאַנקל האָט אין שטוב געבראַכט
אַ גרינעם פּאַפּוגאַי.

מאַמע, זע, אַ קעצעלע,
זי האָט ניט וואו צו שלאָפן.
לויפט ער גלייך פון בעט אַרויס
און פראַלט די טירן אָפן.

אַ שמעטערלינג, אַ ווערימל,
אַ טייבעלע, אַ מייזל
און פאַר אַלעמען האָט יאַנקעלע
אויסגעבויט אַ הייזל.

קוואַקען זיי, מיאַוקען זיי,
יעדערער זיין ניגון.
יאַנקל האָט זיין אייגן „זו"
און האָט גרויס פאַרגעניגן.

נאָר יאַנקל האָט אַ שוועסטערל,
וואָס מען רופט זי צירל.
האָט זי ליב צו עפענען
פון יאַנקל'ס „זו" דאָס טירל.

איצט איז ער אַוועק אין שול
און האָט דאָרט ניט קיין רו.

עס זאָל זיין קליינע שוועסטערל
ניט עפּענען זיין „זו״ . . .

איין טאָג האָט די זאַך טאַקע
פּונקט אַזוי געטראָפן.
צירל עפנט אויף דאָס טירל,
און זיין „זו״ איז זיך צעלאָפן!

ס'איז יעדער אויף זיין אָרט אַוועק
אין פעלד, אין וואַלד, אויף בלומען.
יאַנקל שטייט ביים טיר און וואַרט,
נאָר זיי ווילן מער ניט קומען.

דאָס כינעזיש ליד „קון מאַ צען״

גלייך שוין אוים מיין קינד דעם רוקן,
דאַרפן מיר זיך מער ניט בוקן.
כ'האָב פאַר דיר אַ ניי געזאַנג:
צינגאַ-צאַנגאַ—צינגאַ—צאַנג.

דאַרף דיין טאַטע ניט זיין קיין פערד,
אונזער זון און אונזער ערד.
פריי זיך קליינער קון מאַ צען,
צינגאַ — לילאַ—צינגאַ—לען.

זע דיין מאַמע גלייכט זיך אוים,
אונזער לאַנד איז פריי און גרוים.
קוש מיך קליינע קון מאַ צען,
צינגאַ—צאַנגאַ—צינגאַ—לען.

ווּעסט ניט זיין מער דאַר און קליין,
וואַקסן ווּעסטו שטאַרק און שיין.
הויב אָן לאַכן, קון מאַ צען.
צינגאַ—לילאַ—צינגאַ—לען.

פרענדי

פרענדי איז ניט גלאַט אַ הונט,
וואָס גייט זיך סתם שפּאַצירן;
פרענדי האָט אַ גרויסע פליכט —
ער דאַרף אַ בלינדן פירן.

ער איז פאַר דעם אין סקול געגאַנגען
דריי יאָר נאָכאַנאַנד.
שטענדיג איז ער גרייט צו דינען,
ווען ער פילט דעם בלינדנ׳ס האַנט.

פאַרלירט דער בלינדער ווען זיין שטעקן,
ווייס דער הונט שוין — וואו.
ווי אַ מאַמע (ניט צוגעגליכן),
טראָגט ער אים גלייך צו.

ער היט דעם בלינדן טאָג און נאַכט,
ביז ער ווערט אַנטשלאָפן.
פון דעם קראַנקן בלינדן מאַן
וועט פרענדי ניט אַנטלויפן.

גייען ביידע אין גאַס אַרויס,
דער הונט אויף לאַנגן רימען . . .
קוקט ער אויפן רויטן ליכט —
און פאַרשטייט דעם סימן . . .

און ווי דער גרינער פייער ווייזט,
אַז מען מעג שוין גיין —

טוט ער דעם בלינדנ׳ס פוס אַ שטופּ,
אַז יענער זאָל פאַרשטיין.

בלייבן אַלע אויטאָס שטיין —
די טרייבער שטאַרק פאַרוואונדערט —
ווי עס גייט דער הונט אַפריער,
און נאָך אים דער בלינדער.

דער בלינדער רופט אים:
„אויגן מיינע" און היט אים זייער אָפּ.
ער גיט אים עסן, האַלט אים טייער,
און גלעט אים אין זיין קאָפּ.

אין אַ צימערל, אַ קליינעם,
וואוינען זיי אינאיינעם.
פרעגדי — אָט דער גוטער הונט,
איז באַליבט ביי שכנים.

זינגט די זעג

.1

זינגט די זעג — זיגל זעג,
שניידט פון אָנהויב ביז׳ן ברעג.
קוועלט דער סטאָליער אָן פון איר,
זעגט און זעגט און זינגט מיט איר.

.2

פאַלן, פאַלן ברעטער פיל,
ווערט פון האָלץ באַלד זיין אַ דיל.

האַלץ און זעג אין סטאָליער'ס הענט —
און עס וואַקסן הויכע ווענט.

.3

יאָרן־לאַנג, מאָנאַטן, טעג . . .
שפּיגלט סטאָליער זיך אין זעג.
זאָגט די זעג צו אים — אַ דאַנק,
און זי ווערט פון נחת בלאַנק!

קלאַפּט דער סטאָליער

.1

קלאַפּט דער סטאָליער טשוואָק אין האָלץ,
שטייט דער טשוואָק זיך שטייף און שטאָלץ.
רופט אים סטאָליער — „שטייפער גען"
און טוט אים שטאַרקער נאָך אַ זעץ.

.2

נעמט דער טשוואָק און בויגט זיך אויס,
שטעקט דער סטאָליער — צונג אַרויס . . .
ווייל דעם סטאָליער שטאַרק פאַרדריסט,
טוט ער אים אַ וואָרף אין מיסט.

.3

ליגט דער טשוואָק זיך דאָרט אַליין,
טראַכט און הייבט ערשט אָן פאַרשטיין:
ער האָט מיט האָלץ זיך ניט גע'חבר'ט,
ליגט ער אין דעם מיסט און זשאַווערט . . .

גוט פרילינג דיר, גאָרטן!

1.

גוט פרילינג דיר, גאָרטן!
אַט בין איך דאָ ווידער.
דיינע בייטן זיי זיינען
מיינע שוועסטער און ברידער.

2.

איך ברענג זיי מתנות,
זיי נעמען מיך איבער,
דו ווערסט מיר, מיין גאָרטן,
אַלץ ליבער און ליבער.

3.

אַ ראָזעווער מערל,
ווי אַ קינדערשע לידל,
צווייגעלעך קאָרן,
ווי סטרונעס פון פידל.

מיט גרינסן צוזאַמען
אייך בלומען אינאיינעם
זיי בליען און וואַקסן,
ווי ליבלעכע שכנים.

5.

עס וויגט זיי אַ ווינטל,
זיי טאַנצן גאָר פריילעך,
און זיינען געקליידט
אין אַ זוניגן ליילעך.

.6

גוט פרילינג דיר גאָרטן,
אָט בין איך געקומען,
דעם גראָב-אייזן האָב איך
אין האַנט היינט גענומען.

.7

מיט גרינסן און בלומען
וועל איך וואַקסן צוזאַמען.
די פרוכט פון מיין אַרבעט
פאַרוועבן אין גראַמען.

דער האָן

אויף אַ פּאַרקן שטייט אַ האָן
און האָט ניט וואָס צו טאָן.
זאָל ער קריי‌ען ווי דער שטייגער,
האָט שוין יעדערער אַ זייגער.
זיצט ער זיך אַזוי דער האָן
און האָט ניט וואָס צו טאָן.

קלאַפּט ער אָן אין הינער-שטיבל,
האָט די הון אויף אים פאַריבל:
— גיי דו פוילער, גיי שוין, גיי!
איך זיץ דאָך איצטער אויף אָן איי. —
אויף אַ פּאַרקן זיצט אַ האָן
און האָט ניט וואָס צו טאָן.

לויפט ער גאָר אַריין אין גאָרטן
און געפינט אַ וואָרעם דאָרטן.

האָט די הון קיין פּאַריבל,
לאָזט זי אים אַריין אין שטיבל.
אויפ׳ן פּאַרקן זיצט אַ האָן
און קלייבט זיך עפּעס טאָן.

פּלוצלונג הערט ער הינדלעך פּיפּסן,
טוט ער גלייך אַ שפּרונג אַ היפּשן,
בלעטער רייסט צו מאַכן ווינדלעך,
איינצואוויקלען פּיצלעך הינדלעך.
בלייבט דער פּאַרקן אָן אַ האָן,
ווייל ער האָט שוין וואָס צו טאָן!

קינדער אין קינדערלאַנד

(געווידמעט מענדי שיינ׳ס טעכטערל און איר מוטער)

דריי הונדערט קינדער, שטאָלץ, ניט געבויגן . . .
דריי הונדערט קינדער — מיט ליכט אין די אויגן.
קניעס און פּלייצעס זיך וויגן אין גאַנג,
עס טאַנצן דיביימער צום טאַקט פון געזאַנג.

עס פליען און לופטן די צעפּלעך, די לאָקן,
עס הילכן די קול׳כלעך, ווי פרידלעכע גלאָקן
צו טרעגער פון מאָרגן, צו שעפער און בויער,
די זוימען פון לעבן, אָן האַס און אָן טרויער.

שטייען די לערער, באַגליקט און באַערט,
די פּרוכט פון דער אַרבעט איז זען זיי באַשערט.
זיי ציילן די טריט אויף גראָז און אויף ליים
און זעען ווי קינדער באַשיינען די היים.

טאַטעס און מאַמעס לויכטן פון גליק . . .
זיי זעען זיך איצט — מיט יאָרן צוריק.

און דער הימל פון אויבן איז העל-בלוי און קלאָר,
פלעכט גאָלדענע פעדים אין קינדערשע האָר.

איך שטיי דאָ ביים זייט און באַטראַכט דעם מאַרשרוט.
איך לויב זיי און בענטש זיי — ס'איז מיר גוט! ס'איז מיר גוט!
איך וואָלט דאָ שטיין שעה'ן, איך וועל גאָרניט מיד,
ווען אויף קינדערשע ליפּן דערקען איך מיין ליד.

מיין יעקעלע שטיפער

(אַ מתנה יעקעלע דזשעפרי קאַפּלאַן)

ווען מיין יעקעלע קומט צו מיר,
נעמט ער שטיפן אָן אַ שיעור:
טירן-הענטלעך דרייט ער אָפּ,
טוט-אָן אַ טעפּל אויף זיין קאָפּ.

וויפיל שטולן ס'איז פאַראַן,
קערט ער אום און מאַכט אַ באַן.
זיצט און טרובעט, קלאַפּט אין טאַץ.
זיין פּאַסאַזשירין איז די קאַץ.

אָנגעשפּילט זיך מיט דער באַן,
פּאַלט ער אויף אַ נייעם פּלאַן:
נעמט אַ שטיקל קרייד אין האַנט,
מאָלט ער „מענטשן" אויף דער וואַנט.

מאָלט ער זיך צום ערשטן אוים,
ווי ער איז שוין שטאַרק און גרוים.
אויסגעוואַקסן הויך — אַ ריז!
גרעסער, ווי זיין זיידע איז . . .

און אַט נעמט ער גאָר אַ בוך,
זעצט זיך שטיל און זוכט און זוכט,
נאָר צו לייענען איז ער קליין,
טראַכט ער מעשיות אוים אַליין.

גאָר אַוועקגעלייגט דאָס בוך,
טוט ער אָן דעם זיידנס שיך,
איין שוך גרוים, איין שוך קליין,
נאָר פּאָר יעקעלען איז עס שיין.

ווען זיין מאַמע קומט נאָך אים,
זאָגט ער מיט אַ זיסער שטים:
איך בין שטיל און גוט געווען,
אמת, באָבע, האָסט געזען!

ווען ער גייט אַוועק פון מיר,
בענק איך נאָך אים אָן אַ שיעור.
אויך די קאַץ אָן אים געדענקט,
וואַשט זיך יעדן טאָג און בענקט . . .

דער ווינטער און דער מאָלער

דרייען זיך, פרייען זיך
שנייעלעך קלאָרע,
מיליאָנען, מיליאַרדן —
האַ-האַ, קיין עין-הרע!

שטערנדלעך, רינגעלעך,
בייגעלעך, פלעצלעך —
שפרינקלען און פינקלען,
ווי אויגן ביי קעצלעך.

אַלע צוזאַמען
ביי מיר אויף די שויבן —
ווערט דאָרט אַ בילד —
פון קעמלען און טויבן.

קומט צוגיין ווערוול
מיט פאַרב און מיט פענזלעך
און נעמט באַלד אויסמאָלן
די טויבן און גענדזלעך.

קומט צו דער ווינטער
און הייבט אָן צו לאַכן —
צי קענסטו אונז ניט מאָלן,
צי וועסטו אונז ניט מאַכן?

איך בין דער פראָסט,
דער מאָלער דער גרעסטער,
איך האָב ניט קיין גלייכן,
קיין ברידער און שוועסטער.

נאָר ווערוועלע מאָלער
פירט אַלץ דעם פענזל
אויף אַ שנייאיגן באַרג
שטייט שוין אַ גענדזל.

אין פוכאָוון טאָל
באָדן זיך טויבן,
נאָר דער פראָסט, ער
טרעט ניט אָפּ פון די שויבן.

ער סאָפּעט און לאַפּעט,
הערט ניט אויף לאַכן.

װעלװעלע, שװעלבעלע,
דו קענסט אונז ניט מאַכן.

עס האָט זיך דער װינטער
געקאָכט און געבלאָזן,
ביז זײַן היץ האָט דאָס בילד
אויף די שויבן צעלאָזן.

אין מיטן פון רײדן,
אין מיטן דערינען,
האָט פון שנײיאיגן בילד
גענומען אַלץ רינען.

ניטאָ שוין די טויב,
עס װײנט שוין דאָס גענדזל,
נאָר װעלװל, ער מאָלט
מיט פאַרב און מיט פּענזל.

דער פראָסט האָט דערזען
פון גענדזל די טרערן,
האָט ער שוין פאַרשטאַנען,
װאָס פון אים װעט באַלד װערן . . .

הענדום און פּענדום,
ער רײַט אויף אַ קעמל
און װעלװל האָט פאַרטיג
דאָס בילד פאַרן רעמל.

אַ מעשה וועגן אַ סטראַשידלע מיט אַ פויגל

אין פרילינג ווען כ׳האָב
מיין גאָרטן פאַרזייט
האָבן אויף דיביימער
די פייגל זיך דערפרייט.

פליען אָן אין גאָרטן
מיט אַ ציף און אַ צוף
און אַלע פרישע קערנער
נאַשן זיי אויף.

רופט זיך אָן איין אינגל:
— מאַ, איך האָב אַ פּלאַן:
מיר שטעלן אין דעם גאָרטן
פון האָלץ אַ שרעקער־מאַן. —

ער ברענגט גלייך אַ שטעקן
מיט אַ קליינעם שטאָק,
איך לויף און ברענג אַ קאַפּעליוש,
ער לויפט און ברענגט אַ ראָק.

פאַרטיק שוין דער שרעקער,
אין מיטן גאָרטן שטייט,
העכער פון דעם טאַטן
און די הענט צעשפּרייט.

אין קאַראַהאָדן טאַנצן
קינדער אַרום העלד,
די פייגל אויף די בוימער
מען זינגט גאָר און מען קוועלט.

אין הימל לייכטן שטערן,
אַ לבנה־נאַכט,
האָבן אַלע פייגל
דעם שרעקער־מאַן באַטראַכט.

דער קאַפּעליוש — אַן אַלטער,
דריי דורות מיט אַ וואָך,
אין קאַפּעליוש אין מיטן
איז דאָ אַ טיפע לאָך.

האָבן זיך די פויגל
צעזונגען און צעלאַכט,
אין קאַפּעליוש פון שרעקער
אַ נעסטל זיך געמאַכט.

געגעסן פון דעם גאָרטן,
וואָס זיי נאָר געגלוסט
און וואו עס וואוינען פייגעלעך
האָט קיינער ניט געוואוסט.

דאָס מיסט־פעלד און די בלימעלעך

(אַ מעשה׳לע מיט אַ משל)

איין פּריינט האָט דעם צווייטן
בלימעלעך געגעבן,
געהאָפט, אַז מען וועט זיי
דערהאַלטן ביים לעבן.

דער פּריינט האָט זיי גלייך
פאַרזייט ביי זיין הויז.

זיי זיינען געוואַקסן
פריילעך און גרוים.

געוואַקסן, געבליט,
צוויי צי דריי יאָרן,
ביז וואַנען מען איז —
רייכער געוואָרן.

די ביליגע בלימעלעך
ער וויל מער ניט האָבן.
האָט ער זיי אין פרילינג
פון ערד אויסגעגראָבן.

אים האָט ניט געאַרט,
וואָס זיין פריינט עס פאַרדריסט.
אַ רים און אַ שליידער
גלייך אויפ׳ן מיסט.

דער פריינט און די בלימעלעך
האָבן געקוקט און געשוויגן: —
בלומען און פריינט
קאָנען זיך ניט קריגן . . .

נאָר דער מיסט-פעלד האָט גלייך
שמייכלען גענומען —
מיט שטאָלץ און מיט ליבשאַפט
די פלאַנצן באַקומען.

פאַרפוצט אין קאָלירן
איז יעטווידעס בלימל —
רייסט זיך צו זון —
דורך שטויב און דורך שימל.

דער פריינט, דער ערשטער —
גייט דאָרט פאַרביי —
קוועלט אַן פון גאָרטן —
קאַלירפול און ניי.

עס שמייכלט דער מיסט־פעלד —
ווי ביינאַכט די לבנה,
און וואַרפט ניט אַרויס
די שיינע מתנה.

מיין שכנה — אַ נעגער־פרוי

ברוינער זיידנס איז איר פנים,
ציינער ווייס ווי צווײט אין פרילינג.
הויבסט אַן רעדן, נעמט זי לאַכן —
ווערן וואָרט מיט וויץ אַ צווילינג.

ביי די רייכע וואַשט זי דילן —
אַן מיין מאַמען מיך דערמאַנט.
אַ וואַרעמקייט איך נעם דערפילן —
ווי כ׳וואָלט פון לאַנג שוין זי געקאַנט.

זונטאָג שטייט זי אויף באַגינען,
איר קליינע שטיבל פוצט זי אויס,
פינקלען, שפרינקלען אירע שויבן —
און לאַכן צו דער וועלט אַרויס.

זינג איך אויס אַ אידיש לידל,
פליט עס גלייך צו איר אין קיך,
ענטפערט זי מיט נעגער׳ס ניגון —
כאַפּ איך אויף און דריק צו זיך.

זי אַן אייניקל פון שקלאַפן —
גוט באַקאַנט איז מיר איר ליד.
מיינע רופט זיך: „זאָג ניט קיין מאָל",
איך בין אַ טאָכטער פון אַ איד.

שניי

העי, העי, העי,
זעט אַ מאַן פון שניי!
פונקט אין מיטן גאַס ער שטייט
וואו מען פאָרט און וואו מען גייט.

שטייט אַזוי זיך גרויס און שטאָלץ
פון קוילן אויגן, הענט פון האָלץ,
מאַנטל קלאָרער, ווייסער פוטער —
שטייט אַזוי אַ שטילער, אַ גוטער . . .

אויטאָמאָבילן פאָרן־אָן,
ווייסן זיי ניט וואָס צו טאָן.
אַזאַ מין שניי־מאַן — אַ שיינעם, קלאָרן
קען מען דאָך ניט איבערפאָרן,

און די קינדער פריילעך לאַכן —
פון דעם שפּיל וואָס זיי דאָ מאַכן —
פאָרט מען דורך אַן אַנדער גאַס,
און מען לאַכט פון זייער שפּאַס.

יאַנקל און די קאַר

.1

יאַנקל׳ס טאַטע האָט אַ קאַר
אַלט און זאָט אין יאָרן,
שטייט זי אומעטיג אין הויף,
ווייל זי קען ניט פאָרן . . .

.2

ניט לאַנג צוריק פלעגט זי פירן —
גרינג גאָר ווי אַ פעדער,
איצטער הענגען אירע טירן
און אויסגעקרימט די רעדער.

.3

איין טאָג האָט פּאַסירט מיט איר
גאָר אַ גרויסער וואונדער:
עס זיינען זיך אַרום דער קאַר
צונויפגעלאָפן קינדער.

.4

מיט מיידלעך און מיט אינגלעך
פול ווערט יאַנקל׳ס הויף.
איינער ברענגט אַ האַמער,
דער צווייטער ברענגט אַ שרויף.

.5

רוייט און געל די רעדער,
ווייס און גרין די טירן,
באַלד הויבט זי אָן צו פייפן
און איז געגרייט צו פירן.

.6

מיט מיידעלעך און אינגעלעך
ווערט די קאַר אַ פולע,
זיי לאַכן און זיי זינגען,
ס'איז אַ פרייד, אַ גדולה.

.7

שטייט און קוקט זיין טאַטע
און קען דאָס ניט באַגרייפן:
ווי קומט עס, אַז די קאַר
זאָל פלוצלונג נעמען פייפן?

.8

רופט זיך אָן די מאַמע:
— קינדער האָבן שכל!
די קאַר, די אויסגעפוצטע,
טוט צו איר אַ שמייכל...

.9

גיכער, גיכער פאָר שוין,
הויבט מען זי אָן שטופן,
מאַכט זי זיך — זי קען ניט,
נעמט אונטערשפרינגען, האָפן.

.10

און יאַנקעלע ביים רעדל
עס ווילט זיך זי אים פירן.
נאָר פאַר די קליינע קינדער
וויל זי זיך ניט רירן.

.11

אַז יאַנקעלע איז זיבן
און ריוועלע, ערשט ניין —

צען — דער גרעסטער אינגל
און אַ נעזל פֿול מיט קלייען!

.12

שטייט די קאַר אין הויף
און וואַרט מען זאָל זי פֿירן.
ס׳קען זיין יאַנקל׳ס טאַטע
וועט אַרויסקומען פּראָבירן . . .

געוואונען

אין פֿרילינג-פֿרימאָרגן
קום איך אַרויס
אין בלומען-גאָרטן,
לעבן מיין הויז.

שטייען די בלומען
אַלע אין אַ ריי,
איך נעם אַ האַנט בעבלעך
און טו אַ פֿאַרזיי.

בעבלעך פֿאַרזייען
צווישן די בלומען,
אַזאַ מין געדאַנק
וואו האָסטו גענומען?

אויף אויספֿרואוון זאַכן
בין איך אַן עקשן, —
זאָג איך, — וועסט זען,
מיין מאַן, עס וועט וואַקסן . . .

אומזיסט איז דיין אַרבעט, —
ווייל ער זיך וועטן, —
גיב איך צוויי בעבלעך,
ער — בלומען־בוקעטן.

אַוועק שוין אַ חודש,
און אַביסעלע מער,
און מיר ווייזט זיך שוין אויס,
אַז געווינען וועט ער . . .

איך צעגראָב און באַגיס,
און מען זעט ניט קיין בעבל.
וואו זיינען פון בעבלעך
די ערשטינגע שנעבלעך?

ערשט נעכטן, צווישן
די בלומען איך שטיי,
דערזע איך די בעבלעך
אַ ריי נאָך אַ ריי! . . .

דער אָרעמאַן און דער ווינטער

איך האָב נאָר־וואָס געפונען
אַ מעשה אין מיין טינטער,
פאַרוואָס עס האָט זיך
פאַרשפּעטיגט דער ווינטער.

אין אַ שטאָט האָט געוואוינט
אַ גרויסער אָרעמאַן,
אין אַן אַלטע שטיבל
אַ שפּאַן אויף אַ שפּאַן.

מיט צעבראָכענע פענצטער
און לעכער אין דאַך,
מיט אַ קראַנקער פרוי
און קינדערלעך אַ סך.

ניט געהאַט קיין געלט
צו קויפן האָלץ,
און בעטן ביי יענעם
איז ער געווען צו־שטאָלץ.

גייט ער פאַרזאָרגט
איבער גאַסן, איבער וועגן,
ביז אים געקומען
דער ווינטער אַנטקעגן.

האָט זיך דער אָרעמאַן
נאָך מערער דערשראָקן,
ווייל זיינע קינדער האָבן ניט
קיין שיך און קיין זאָקן.

פרעגט ער דעם ווינטער:
וואו איילסטו זיך אַזוי,
מיט שטורעם אין באָרד
און פולע זעק שניי?

קענסט אפשר וואַרטן
צו קומען אויף דער וועלט
ביז איך וועל פאַרדינען
אַביסעלע געלט?

האָבן ביידע גערעדט,
גערעדט און גערעדט

פון זייער גאנץ־פרי
ביז זייער גאנץ־שפעט.

אזוי איז אוועק
אַ וואָך נאָך אַ וואָך
ביז די זון האָט געמאַכט
אין דעם שניי זאַק אַ לאָך.

דער שניי איז צערונען,
דער פראָסט איז אַנטלאָפן
און דער ווינטער האָט זיך געלייגט
אַ קאַפּעטשקע שלאָפן.

ער וואַרט עס זאָל אים קומען
דער אָרעמאַן דערציילן
צי האָט ער שוין פאַרדינט
אויף האָלץ, צי אויף קוילן.

און דער אָרעמאַן גייט אַרום
מיט געצייג אונטערן אָרעם,
ער האָט ניט קיין געלט,
אָבער אין גאַס איז שוין וואַרעם.

אָט דאָס איז די מעשה מיטן
פאַרשפּעטיגטן ווינטער,
וואָס איך האָב געפונען
פאַר אייך אין מיין טינטער.

חנוכה ליכטלעך

חנוכה ליכטלעך,
פריילעך זיך ווינן,
טאנצן און זינגען,
א אידישן ניגון.

איינס פון דעם צווייטן
זיי שטייען נים ווייט, —
ווי באנען וואס פירן
צו ערגעץ־וואו ווייט.

זיי באלייכטן די ווענט,
אז מיר זאלן דערזען —
און דערציילן אונז מעשיות,
וואס דאן איז געווען . . .

ליכטעלעך, ליכטעלעך,
לייכטער געפוצטע,
זיי ברענגען געשיכטעס
נאך נים אפגענוצטע.

אזוי פיל געהערט שוין,
אזוי פיל געלעזן —
און עס ווייזט זיך מיר אוים,
אז ס'איז ערשט נעכטן געוועזן.

זיי פינקלען און לויכטן
ווי קליינע לבנות,
און איך זע איצט אין זיי
מיין זיידנ'ס מתנות.

די אויגן לייכט-בלויע,
די באָרד איז א ווייסע,
און מיר אָרום אים —
ער דערציילט אונז א מעשה.

פון מאַמעס וואָס האָבן
די זין אָפּגעגעבן
און צו די הערשער צו בייזע —
זיך ניט אונטערגעגעבן...

חנוכה ליכטלעך,
אייביגע פלאַמען,
אויגן פון זין און
א העלדישער מאַמען!

פסח אין מיין אַלטער היים

מאַמעלעך האָווען
זיך צו ספּראַווען
אַרום מיט'ן חושך,
ווייל ביים טיר וואַרט דער פסח.

מיט יום-טוב געפילן
רייבן זיי דילן,
גלעזעלעך בלאַנקען
דורך שויבן פון שראַנקען.

דער טאַטע, א מידער,
חזר'ט זיך לידער.
שווער איז דאָס לעבן,
ער מוז געבן און געבן . . .

ער זיפצעט פון פראַצע,
ניטאָ נאָך די מצה,
שיכלעך פאַר קינדער
און ער גלויבט אַלץ אין וואונדער.

ס'ועט גאָט ניט פאַרלאָזן,
ער שפּייזט דאָך די גראָזן,
נאָר אין זיינע צען פינגער
איז גלויבן אים גרינגער.

אין הויז איז שיין, ליכטיג,
די בעט גרייט און ציכטיג,
אין דרויסן דער פרילינג,
צו פסח אַ צווילינג.

ביים טיש וויסן, רונדן,
זעט מען ליכט אָנגעצונדן,
געגרייט איז אַ סדר
אין דעם איינציגן חדר.

עס פרייען זיך קינדער,
און דער טיש איז אַ רונדער,
נאָך דעם יום־טוב כ'נעם בענקען
און ס'איז ליב צו געדענקען.

מעשה׳לעך

די שטיינער און די בלומען

אויף אַ פעלד זיינען געלעגן שטיינער. איינער אַ גרויסער, אַ צווייטער אַ קליינער. ניט געזען האָט זיי קיינער. אין איין פרי־לינג פרימאָרגן איז אַ מענטש געקומען דאָרטן און זיי אַהיים צו זיך גענומען, געמאַכט פון זיי אַ שטיין־גאָרטן.

אַ בלום און אַ שטיין, אַ בלום און אַ שטיין, און אַלע אינ־איינעם האָבן אויסגעזען זייער שיין. אָבער עס איז ניט אָנגע־שטאַנען די בלומען: ווי קומען זיי מיט שטיינער צו ווערן שכנים? זיי, די שיינע, די צאַרטע צוזאַמען מיט שטיינער שווערע, האַרטע? ניין, זיי וועלן אויף דעם ניט איינגיין! . . .

האָבן די ערשטע, די רויזן, זיך גענומען בלאָזן. און די ליליע איז געשטאַנען אַ באַליידיגטע, אַ שטילע, די אויגן אַראָפּ, און פון די שטיינער אָפּגעקערט איר קאָפּ. די שטיינער האָט שטאַרק גע־אַרט, אָבער זיי האָבן געשוויגן. זיי וועלן זיך דאָך ניט גיין קריגן מיט די בלומען, האָבן זיי געטראַכט. ביז איין נאַכט האָט אויסגע־בראָכן אַ גרויסער שטורעם־רעגן.

דאָס וואַסער האָט געיאָגט, געשמיסן און אַלץ פון דער ערד געריסן. די בלומען אויף זייערע פיסלעך, דין און גרין, האָבן זיך געוויגט אַהער און אַהין. די רויז האָט די ערשטע געטאָן אַ ציטער, דער רעגן־ווינט האָט שוין אַראָפּגעריסן פון איר עטלעכע בלעטער. די בלומען האָבן געוויינט און געקלאָגט, און דער שטורעם האָט געיאָגט.

נאָר די שטיינער זיינען רואיג געלעגן. זיי האָבן זיך גאָר געפילט געהויבן און אָנגעהויבן גלויבן, אַז עס רעגנט פון זייערט וועגן. ווייל דער רעגן האָט זיי געוואַשן, געמאַכט זיי ריין און שיין. אַז די בלומען האָבן שוין מער קיין קרעפטן ניט געהאַט צו שטיין געגן ווינט, האָבן זיי גענומען זיך רוקן און צו די שטיי־נער קוקן . . . האָבן די שטיינער פאַרשטאַנען, וואָס די בלומען

ווילן. זיי האָבן גענומען פילן, ווי עס ציטערן די רויזן וואָס האָבן זיך אויפגעהערט געגן די שטיינער בלאָזן, און די ליליע אפילו האָט אויפגעהויבן אירע אויגן און נאָכגעקוקט איר אַ ווייס בלעטל, וואָס איז אין ווינט אַרומגעפלויגן. זי, די ליליע, האָט אַ ווייענדיגע נאָך דעם שטיינס שטאַרקייט געגאַרט און זיך אָן אַ שטיין אָנגעשפאַרט.

יעדער שטיין, וואָס איז פריער געשטאַנען פון די בלומען באַליידיגט, האָט זיי איצט פאַרטיידיגט. אַזוי זיינען שטיינער און בלומען די שטורעמדיגע נאַכט איבערגעקומען. די בלומען האָבן זיך צווישן די שטיינער באַהאַלטן, און די גרויסע שטיינער האָבן זיי אונטערגעהאַלטן. יעדער שטיין, ווי אַ טאַטע זיין קינד, ביז עס איז איבערגעגאַנגען דער ווינט.

אין פרימאָרגן, אַז די זון האָט זיך צעשיינט, האָבן די בלומען באַדאַנקט די שטיינער, זייערע גוטע פריינט — די שטיינער. יעדער איינער פון זיי אָפגעוואַשן. האָט געשיינט מיט די קאָלירן פון די בלומען — פורפור און געל, ווייס און רויט. די אַלע בלומען-קאָלירן האָבן די שטיינער גענומען באַצירן. און די שטיינער אַזוינע שטאַרקע, קרעפטיגע האָבן אויסגעזען אַ סך שענער, און זיי האָבן געשמייכלט.

איצט לעבן זיי די בלומען דאָרטן אין שטיינערנעם גאָרטן אינאיינעם, ווי די גוטע שכנים. די בלומען וואַקסן גרעסער, ווייל זיי האָבן די שטיינער, וועלכע וועלן זיי פון שטורעמס פאַרהיטן.

וואָס ברענג איך אייך דאָ אויס? — איך ברענג אייך אויס, אַז אַ שטיין קען אַמאָל זיין אַזוי נויטיג ווי אַ רויז, און ווי שיין עס זאָלן ניט זיין די רויזן, טאָרן זיי פון זיך ניט בלאָזן . . .

די קלוגע קאַץ

קינדער, איר האָט עפּעס ליב קעץ? מיין מאַמע פלעגט דערציילן, אַז נאָך אַלס קינד פלעג איך אַריינברענגען פון גאַס אַלערליי קעץ און קעצעלעך און פלעג זיך מיט זיי שפּילן.

ווען איך גיי אַרויס אין אָוונט זיך דורכשפּאַצירן, טרעפט זיך זייער אָפט, אַז עס הויבט מיך אָן נאָכצוגיין אַ קעצל ביז איך נעם עס אַריין אין שטוב. אַזוי האָב איך שוין אויסגעהאָדעוועט אַ סך קעץ. איינע האָט ביי מיר געהייסן מיני, אַ צווייטע — טיגער, און איצט האָב איך אַ קאַץ, וואָס הייסט „בלאָנדי".

איצט וועל איך אייך דערציילן פון אַן אַנדער קאַץ, וואָס איז געווען זייער אַ קלוגע. איך גיי אַמאָל זיך דורכגיין אין גאַס, און עס באַווייזט זיך אַ קאַץ און הויבט זיך אָן צו רייבן ביי מיינע פיס און טוליען זיך צו מיר. איך פיל, אַז זי בעט מיך — נעם מיך אַהיים!

ס'איז געווען אַ קילער אָוונט, און די קאַץ האָט געציטערט פון קעלט. נעם איך זי אויף די הענט און לאָז זיך גיין אַהיים. איך טראַכט: אפשר דאַרפן מיינע פריינט אַ קעצל? ווייל איך בין זיכער, אַז מיין „בלאָנדי" וועט נאָך אַ קאַץ אין הויז ניט אַריינלאָזן.

נאָר ווי איך גיי אַזוי, שטעלט זיך לעבן מיר אָפּ אַן אויטאָמאָביל. עס קומט אַרויס אַ פרוי און זאָגט מיר: „גיט מיר אָפּ מיין קאַץ!"

„אייער קאַץ?", פרעג איך, „נאָט אייך אייער קאַץ".

הויבט מיר אָן די פרוי דערציילן, אַז זי האָט געוואָלט פּטור ווערן פון דער קאַץ, ווייל זי דאַרף אָוועקפאָרן אויף אַ רייזע און זי קאָן די קאַנץ ניט מיטנעמען. האָט זי גענומען די קאַץ און זי אָוועקגעפירט צען מייל פון הויז און איבערגעלאָזט. נאָר די קאַץ קומט אַלעמאָל צוריק אַהיים. „האָב איך זי איצט געבראַכט אַהער. אָבער אַליין ווייס איך ניט ווי אַזוי צוריקצופאָרן. כ'האָב פאַרלוירן דעם וועג", — האָט די פרוי געזאָגט.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די פרוי איז איינע פון די, וואָס ברענגען זייערע קעץ און קעצלעך, פון וועלכע זיי ווילן פּטור ווערן, אין אונזער געגנט, און לאָזן זיי דאָ איבער. האָב איך איר געזאָגט:

„איר נעמט אַ קליין קעצל און וואַרפט עס אַוועק אין אַ פרעמדער געגנט. טאָ וואָס ווילט איר עס נאָך צוריק?"

די פרוי האָט זיך פאַרשעמט און געזאָגט:

„איך דריי זיך שוין אַרום דער געגנט דריי שעה, און איך ווייס ניט ווי אַזוי צו פאָרן אַהיים. איך האָף, אַז די קאַץ וועט מיר ווייזן דעם וועג. זי האָט אַלעמאָל געפונען דעם וועג אַהיים".

„איך וועל אייך צוריקגעבן דאָס קעצל", האָב איך געזאָגט, „נאָר מיט איין באַדינג: איר זאָלט מיר מאָרגן אינדערפרי טעלעפאָנירן און מיר דערציילן, צי דאָס קעצל האָט אייך טאַקע געבראַכט אַהיים".

די פרוי האָט מיר צוגעזאָגט, און איך האָב איר אָפּגעגעבן דאָס קעצל. אויף מאָרגן אינדערפרי האָט די פרוי מיר טעלעפאָנירט און דערציילט, ווי אַזוי די קלוגע קאַץ האָט איר געוויזן דעם וועג אַהיים. דאָס קעצל איז געלאָפן אַפריער און די פרוי איז איר נאָכגעפאָרן, וואָס איז געווען פופצן מייל פון אונזער געגנט. מער, האָט זי געזאָגט, וועט זי שוין איר קעצל ניט אַוועקוואַרפן.

ווי אַזוי מיר האָבן זיך געלערנט פון די פייגעלעך

שטעלט אָן, קינדער, אויערן און אויגעלעך, און איך וועל אייך דערציילן, ווי אַזוי מיר האָבן זיך געלערנט פון די פייגעלעך.

אַנומעלטן זע איך לעבן אַ הויז אַ געדרומל, — מען רעדט, מען קוקט, כאָטש מען מאַכט ניט קיין טומל.

עס שטייען טאַטעס, קינדער, אַ שוויגער, אַן איידעם; און אַלע קוקן אַרויף — צום בוידעם.

אין שפּיץ פון בוידעם, העט-העט אין דער הויך, שטייט אַן איינציגע פייגעלע — צעשראָקן און (אפשר) בלייך . . .

עס פּישטשעט און סווישטשעט —„קומט אַרויף, קומט אַרויף! עפנט, עפנט דאָ אויף, כ׳וויל אַרויס . . . ״

קוקן אַלע אַרויף, און מען קאָן ניט פאַרשטיין, — ווי קומט אַ פייגעלע איינינקע אַליין?

זאָגט איינער: ער ווייס, ער׳ט אַליין געזען, ווי אַזוי די מעשה איז מיט דעם פייגעלע געשען.

דער מאַן פון דעם הויז איז געווען צו די פייגעלעך גוט. ביז איין מאָל, אויף אַ יום-טוב, האָט ער זיך געקויפט אַ הוט. די הוט, די נייע, ליכטיג-ברוין, האָט זיך געפאַסט דעם מענטשן זייער פיין.

זיצט ער אַזוי אויף אַ באַנק אונטער׳ן נעסט. און ביי די פייגעלעך איז אַ סעודה — מען פּיקט און מען עסט. האָב איך ניט פאַר אייך דעם קלאָרן ענטפער — צי זיי האָבן פון אויבן אַ ווערעמל פאַרלוירן . . . אָבער פאַר׳ן באַלעבאָס איז דאָס געווען ניט גוט, — דאָס ווערעמל איז געפאַלן גלייך אויפ׳ן הוט.

האָט דער באַלעבאָס די פייגעלעך צעיאָגט און צעטריבן, און נאָר איין-איינציג פייגעלע איז אויפ׳ן בוידעם געבליבן . . .

נאָר אַ מיידעלע, אין אַ ווייסינקן קליידעלע, האָט די מעשה ניט געגלויבט . . . זי האָט דערציילט, אַז זי האָט אַליין געזען, ווי אַ פייגעלע איז אַהין אַריין, ווען זי איז נאָך זייער קליין געווען...

און אינווייניג איז זי געוואָקסן גרעסער און געוואָרן גרויס . . .
און איצטער קאָן זי ניט דורכ'ן ענגן לעכל אַרויס . . .
גלויבן אַלע דעם מיידעלע מיט'ן ווייסן קליידעלע . . .

זאָגט איין מענטש: „זאָל זיין קליין, צי גרויס, אָבער ווי אַזוי נעמט מען דאָך דאָס פייגעלע פון דאָרטן אַרויס?"

איז איין אינגל גלייך אַ גרייטער צו קריכן אויפ'ן לייטער. זאָגט זיין מוטער: „ביסט טאַקע, מיין זון, אַ גוטער, אָבער לאָז דעם לייטער צורו... אויב קריכן — איז ניט דו!"

און דאָס פייגעלע פישטשעט: „ציף־ציף, עפנט אויף, איך וויל זיין פריי... מאַכט דאָס לעכעלע גרעסער... איך בין דורשטיג, איך וויל וואַסער..."

פלוצלונג זיינען פייגעלעך אַנגעפלויגן מיט ווערעמלעך אין די מיילער און זיי האָבן גענומען קאָרמען דאָס פאַרשפּאַרטע פייגעלע... ניט לאַנג געטראַכט און ווידער געבראַכט...

די גרויסע און די קינדער האָבן געקוקט אויפ'ן וואונדער — ווי געטריי די פייגעלעך זייער חבר'טע דערנערן. יעדער איינער האָט גענומען קלערן, אַז אָט האָט ער פריינט, פאַרשפּאַרטע, צי שלאָפע, וואָס מען דאַרף וועגן זיי געוואויר ווערן...

יעדערער האָט מורא צו שטעלן אויפ'ן לייטער דעם ערשטן טראָט, אַרויפצוקריכן און עפענען דעם דראָט... נאָר די פייגעלעך האָבן זייער פריינט ניט פאַרגעסן — זיי האָבן געבראַכט דעם פאַרשפּאַרטן פייגעלע עסן... און די צוזעער האָבן ניט אויפגעהערט צו קלערן, אַז אָט, מאָרגן, גייען זיי צו זייערע פאַרגעסענע פריינט געוואויר ווערן.

איך וואָלט אייך דערציילט נאָך זייער פיל, אָבער אויף מאָרגן איז געוואָרן אויפן בוידעם שטיל.

דער סוף איז גוט

טאמי און דעיוויד האָבן זייער ליב צו שפּילן אין באַהעלטע־ניש. זומער־צייט, ווען אַלע זיצן לעבן הויז, שפּילן זיי אַלערליי שפּילערייען, ביז די מאַמעס רופן זיי אַהיים שלאָפן גיין. פּונקט דאַן נעמען די חברים שפּילן אין באַהעלטעניש.

זיי האָבן שוין אויסגעפּרובירט אַלע פּלעצער, וואו מען קאָן זיך באַהאַלטן — הינטערן הויז, אין קעלער, אונטער די בעטן . . . אָבער ביידע ווייסן שוין גוט די פּלעצער, און איינער געפינט שנעל דעם אַנדערן. נאָר איין אָרט האָבן זיי ביידע נאָך ניט אויסגע־פּרובירט. דאָס איז דאָס פּעלד, וואו עס זיינען אַנגעוואָרפן אַ סך אַלטע זאַכן. עס וואַלגערן זיך דאָרטן אַלטע וועגעלעך, אויוונס, אייז־קאַסטנס... איז ווען טאמי האָט פאַרשטעלט די אויגן ניט צו זען וואו זיין חבר וועט זיך באַהאַלטן, נעמט דעיוויד און לויפט אַוועק אין פּעלד. דאָרטן האָט ער דערזען אַן אַלטן אייז־קאַסטן, איז ער אַריינגעקראָכן און די טיר האָט זיך פאַרהאַקט.

— דעיוויד, דעיוויד! — האָט ער געהערט ווי טאמי רופט אים. דעיוויד פּרובירט עפענען די טיר און קאָן ניט, רופט ער טאמי׳ן, נאָר יענער הערט אים ניט.

ס׳איז שוין געווען אַכט אַזייגער. האָט טאמי געמיינט, אַז דעיוויד איז אַוועק אַהיים, און ער איז אויך אַהיים געגאַנגען.

דעיוויד האָט דערוויילע געריסן און געשטופּט דיר טיר פון אייז־קאַסטן. אָבער דער זעקס־יאָריגער אינגל האָט ניט געהאַט קיין כוח זי צו עפענען. איז ער געזעסן צונויפגעדרייט און האָט גע־וויינט. ס׳איז נאָך געווען אַ גוטע זאַך, וואָס אין אַלטן אייז־קאַסטן איז געווען אַ לאָך גלייך איבער דעיוויד׳ס קאָפּ, און ער האָט גע־קאָנט אָטעמען.

איז דעיוויד אַזוי געלעגן אין אייז־קאַסטן און האָט געוויינט, און געוויינט, ביז ער איז איינגעשלאָפן.

דערוויילע האָט זיין מאַמע אים אַרומגעזוכט. ניט געזען אים לעבן הויז, האָט זי געמיינט, אַז ער איז אפשר אַוועק צו זיין חבר, טאַמי. איז זי אַוועק צו טאַמי׳ס הויז און האָט גענומען רופן ביים פענצטער:

— דעיוויד, דעיוויד, ס׳איז צייט צו גיין שלאָפן! קום אַהיים!

איז טאַמי׳ס מאַמע אַרויס און האָט געזאָגט, אַז טאַמי שלאָפט שוין, און דעיוויד איז ביי זיי אין הויז ניטאָ.

— וואָס מיינט איר? — האָט דעיוויד׳ס מאַמע זיך דערשראָקן, און איז געלאָפן זוכן איר קינד אין גאַס און ביי אַלע שכנים.

אין גאַס, צווישן די שכנים איז געוואָרן אַ טומל. מען האָט געזוכט דעיוויד׳ן און ניט געפונען. האָט מען געמאָלדן דער פּאָליציי, זי זאָל העלפן געפינען דאָס פאַרלוירענע אינגעלע.

גאַנץ־פרי האָט דעיוויד געעפנט זיינע אויגן און האָט דערזען, אַז ער ליגט ניט ביי זיך אין בעט. ער פילט, אַז עס רעגנט, און טראָפּנס פאַלן דורך דער לאָך גלייך אויף זיין פנים. דורשטיג איז ער געווען, האָט ער אונטערגעשטעלט זיין מויל און זיך אָפּגעפרישט מיט׳ן רעגן־וואַסער. דערנאָך איז ער געוואָרן זייער הונגעריג. ערשט ער זעט אין אַ ווינקעלע אַן אַלט שטיקל ברויט. האָט ער עס גענומען קייען.

דערנאָך האָט ער ווידער גענומען שרייען און רופן דורך דער לאָך אין אייז־קאַסטן. נאָר די אויטאָמאָבילן, וואָס זיינען פאַרביי־געפאָרן, האָבן געפייפט און געבלאָזן און געמאַכט אַזאַ טומל, אַז דעיוויד׳ס שרייען האָט קיינער נישט געהערט.

ס׳איז ווידער געוואָרן פאַרנאַכט. אין דער היים איז מען געווען פאַרצווייפלט. די מאַמע האָט געוויינט, דער טאַטע איז אַרום־געלאָפן זוכן דעיוויד׳ן.

ווי לאַנג וועט ער דאָ דאַרפן זיצן ביז מען וועט אים געפינען? דעווויד וויינט, ער וויל זען זיין מאַמען, זיך צוטוליען צו איר, וויינען און וויינען.

פלוצלונג דערהערט ער שטימען לעבן דעם אייז־קאַסטן.

— נעמען דעם קאַסטן, צי ניט? — הערט דעיוויד איין שטימע פון אַ מאַן.

— קיין סך אייזן איז אין דעם ניטאָ, — ענטפערט דער צווייטער.

— אָבער אויף האַלץ וועט ער דאָך טויגן, — זאָגט דער ערשטער.

האָבן זיי אַ הייב־געטאָן דעם אייזקאַסטן, אים אַרויפגעשטעלט אויפן טראָק, און גענומען פאָרן.

— אוי ווייַ, אוי ווייַ, וואָס פאַר אַ שווערע שטימען די מענער האָבן! — ציטערט דייוויַ, — אפשר וועט מען אים פאַרפירן ווייט, ווייט? אפשר וועט מען אים מיטן קאַסטן אַרייַנוואַרפן אין פייער?

— שרייט דייוויַ, רופט דייוויַ. אָבער אין גאַס איז זייער טומלדיק און קיינער הערט אים ניט, ביז, אָט איז ער אין אַ קעלער... אַ קלונג, אַ שפּרונג, און אַ פאַרווייַנטער אינגעלע שטייט. איז געוואָרן אַ טומל, אַ געמורמל.

— אַ אינגעלע! אַ אינגעלע! — האָבן אַלע געשריען מיט איין מאָל. איין פרוי, האָט ניט קיין קינדער, האָט זי אים געוואָלט צו־נעמען פאַר איר אייגענעם אינגעלע. אָבער דער מאַן, וואָס האָט אים געפונען האָט אים צו קיינעם ניט געוואָלט אָוועקגעבן, ווייל ער איז געווען זיכער אַז עמיצער זוכט דאָס קינד . . .

האָבן אַלע געהאָלפן דאָס קינד געבן עסן, אַרומוואַשן. דייוויד האָט זיך פאַר קיינעם ניט געשראָקן. זעט ער דען ניט ווי אַלע ווילן אים?

ווען דעיווויד איז געלעגן און געשלאָפן אין אַ רייַנער וואַרעמער בעט, איז דער מאַן, וואָס האָט אים געפונען, געלאָפן אויפזוכן זייַן טאַטע־מאַמען, און באַלד זייַנען ביידע געשטאַנען לעבן דייווידס בעט, אים געקושט און געוויינט פאַר פרייד... אַ שלאָפנדיקן האָבן זיי אים אַהיים גענומען. פון דעמאָלט אָן באַהאַלט זיך דייוויד קיינמאָל ניט אין ערטער, וואו טירן קענען זיך פאַרהאַקן.

זיי דערפילן דעם טעם

אַ נעגער־אינגעלע איז איין טאָג געקומען זיך שפּילן אין אַ שפּיל־פּלאַץ, וואָס איז „בלויז פאַר ווייסע״. די מאַמע פון דעם נעגער־אינגעלע האָט יענעם טאָג געאַרבעט אין דער געגנט, און האָט אים געהייסן וואַרטן אויף איר אין פּאַרק. איז דאָס אינגעלע געקומען פון סקול וואַרטן אויף זיין מוטער.

ווי נאָר ער איז אַריין אין פּאַרק, איז ער געוואָרן דורשטיג און האָט געוואָלט זיך אָנטרינקען אין דעם קליינעם וואַסער־פאָנטאַן. זיינען צוגעלאָפן עטלעכע אינגלעך און אים באַפאַלן און אים גענומען שטופּן צום אַרויסגאַנג.

— גיי פון וואַנען דו ביסט געקומען! אַזוינע ווי דו לאָזן מיר אַהער ניט אַריין!

דער נעגער־אינגל איז געוועזן אַליין. שטייט ער אַזוי און טוט אַ גלעט זיין פּנים, ווי איינער וואָלט געזאָגט: אַט צוליב דער טונקעלער הויט, וואָס איך בין מיט איר געבוירן געוואָרן, וואַרפן זיי מיך אַרויס פון פּאַרק . . .

עס האָט זיך אים ניט געוואָלט אַרויסגיין אַזוי גיך.

— גיי! גיי! — איז צו אים צוגעלאָפן איינער פון די אינגלעך, מיט׳ן נאָמען פּיטער. ער האָט געשטופּט דעם נעגער־אינגל און ווי געוואַרט, אַז יענער זאָל אים צוריק אַ שטופּ טאָן . . . הינטער אים זיינען געשטאַנען נאָך ווייסע אינגלעך, און זיי וואָלטן זיך פאַר אים איינגעשטעלט.

דאָס נעגער־אינגעלע האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען, אַז ער איז אַליין. איז ער מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ אַרויס פון פּאַרק, אַ באַליידיגטער, אַ פאַרשעמטער.

ס׳איז געקומען דער זומער. פּיטער מיט זיין מאַמען זיינען געפאָרן אין אַ קעמפּ. פאַר׳ן אָוועקפאָרן האָט פּיטער׳ס מאַמע זיך אָפּגעשאָרן די האָר, זיי פאַרקרייזלט און פאַרדרייט. און פּיטער׳ס האָר האָבן זיך אַלעמאָל געקרייזלט. אַ גאַנצן זומער האָבן פּיטער מיט דער מאַמען פאַרבראַכט אַ סך צייט אויף דער זון און זיינען

שטאַרק פאַרברוינט געוואָרן. די מאַמע איז געווען זייער שטאָלץ מיט איר טונקעלן פּנים, און פּיטער — אויך. נאָר פאַרנדיג אַהיים האָט זיך עפּעס געטראָפן.

זיי זיינען געווען זייער הונגעריג, און די מוטער האָט אָפּגע־שטעלט איר אויטאָ, און זיי זיינען ביידע אַריין אין אַ רעסטאָראַן. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש. זיצן זיי און זיצן, און קיי־נער קומט ניט צו ביי זיי פרעגן, וואָס זי ווילן עסן.

זיי ווערן נאָך מער הונגעריג, זעענדיג ווי אַלע עסן, אָבער — אַ נעכטיגער טאָג — זיי גיט מען ניט.

ביז דער באַלעבאָס פון דעם רעסטאָראַן איז צוגעקומען און האָט עפּעס אַריינגערוימט אויפ׳ן אויער פּיטער׳ס מוטער.

די מוטער און פּיטער זיינען אַרויס פון רעסטאָראַן. זעט פּי־טער, ווי די מאַמע קוקט אין שפּיגעלע אויף זיך, און ער פרעגט ביי איר, פאַרוואָס האָט מען זיי ניט געגעבן עסן.

— זיי האָבן ניט די שפּייז, וואָס מיר עסן, — האָט די מוטער געענטפערט אַ פאַרשעמטע.

זיינען זיי צוגעקומען צו אַן אַנדער רעסטאָראַן, האָבן זיי דאָרטן געהאַט דעם זעלבן אָפּשניט.

אַזוי זיינען זיי אַרומגעגאַנגען אַ שעה צייט הונגעריג. פּיטער האָט זיך דערמאָנט וועגן דעם אינגל, וואָס ער האָט אַרויסגעטריבן פון פּאַרק און ניט געלאָזט טרינקען פון וואַסער־פאָנטאַן. די מו־טער האָט אים געמוזט דערציילן די אמת׳ע סיבה, פאַרוואָס מען לאָזט זיי ניט אַריין. די זון האָט זיי צופיל אָפּגעברענט, און מען נעמט זיי אָן פאַר נעגערן.

אַזוי זיינען זיי געגאַנגען און געזוכט אַ רעסטאָראַן, וואו מען לאָזט אַריין אַלעמען, ביז עס איז זיי אַנטקעגן געקומען אַ נעגער־פרוי.

— איר ווייסט אפשר וועגן אַ רעסטאָראַן, וואו מען סערווירט ווייסע און נעגערן אָן אַן אונטערשייד ? — האָט ביי איר געפרעגט פּיטער׳ס מאַמע.

— ניין, טייערע שוועסטער, ניט אין דער געגנט. דאָ לאָזט מען אונז ניט אַריין, — האָט די נעגער פרוי איר געענטפערט, —

נאַר, אויב דו ווילסט, קאָנסטו אריין אין מ י י ן הויז, — און זי האָט ברייט צעעפנט די טיר פאַר די צוויי.

ביז איצט וואָלט פיטער'ס מאַמע ניט אריין אין אַ הויז פון נעגערן — אַזוי איז זי דערצויגן געוואָרן, און אַזוי האָט זי דערצויגן איר זון, פיטער.

די מאַמע און פיטער זיינען געווען הונגעריג, און זיי זיינען אַריין אין הויז פון דער פרוי, וועלכע האָט מיט דער גרעסטער גאַסט־פריינטלעכקייט געגרייט פאַר זיי אַ טיש און זיי געגעבן עסן. זי האָט ניט געוואָלט נעמען קיין באַצאָלט פאַר דעם.

פיטער'ס מאַמע האָט זיך דערמאָנט, ווי שלעכט זי האָט זיך אַלע מאָל באַצויגן צו נעגערן. און איצט, ווען זי אַליין איז דורכגעגאַנגען די צרות אין די רעסטאָראַנען, וואו מען האָט זי און איר זון אָנגענומען פאַר נעגערן, האָט זי זיך פאַרשעמט.

און פיטער? פון דאַן אָן האָט ער געזוכט נעגער־קינדער צו שפילן זיך מיט זיי. און ווען ער פלעגט זיך דערמאָנען, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דעם פאַרקל, האָט ער זיך אויך פאַרשעמט.

דאָס מייזל און דער לייב

איין מאָל האָט זיך אַ מייזל פאַרוואָלט גיין אין וואַלד, באַקענען זיך מיט דעם קעניג פון אַלע חיות — דעם לייב.

כאָטש דאָס מייזעלע איז אַ פּיצל, האָט עס קיין מורא ניט געהאַט. עס האָט זיך פאַרפּוצט אין אַ ווייסן מיצל און נייע שיכעלעך און איי אַוועק.

אָבער באַלד ווי עס איז צוגעקומען נעענטער צום וואַלד, האָט עס דערהערט אַ ברומען, אַ געוואַלד... דאָך איז עס צוריק ניט אַנטלאָפן, נאָר איז אַריין אין טיפן, טיפן וואַלד.

זעט עס — עס ליגט דער קעניג, דער לייב, צעשפּרייט איבער דער ערד, און ער ברומט, וואָס דאָס האָט געמיינט: „קומט, קומט, איר, לעמעלעך, איר הירשן, איך וועל אייך אויפעסן ווייל איך בין הונגעריג".

די חיות זיינען אָבער ניט קיין נאַראָנים — זיי קענען זייערע פריינט און זייערע שונאים. זיינען זיי זיך צעלאָפן פון אַלע זייטן, און אַנדערע זיינען אַרויף אויף די העכסטעביימער, און דורך די געדיכטע בלעטער געגומען קוקן, צי דער לייב קומט זיי פאַרצוקן. און דער לייב — שווער ווי טויזנט קלעצער, האָט סיי ווי ניט געוואוסט זייערע באַהעלטעניש-פּלעצער.

דערזען דאָס מייזל — קוקט ער עס אָן און טראַכט, אפשר קאָן עס אויפעסן? אָבער ער'ט באַלד דערזען, אַז עס איז אַ פּיצל, אַ מאָן, און ס'וועט אים ניט קלעקן אפילו אויף איין צאָן. פונדעסטוועגן האָט ער געגומען ברומען:

— זאָג מיר, דו קליין פּיצל אין ווייסן מיצל — וואָס ביסטו אַהער געקומען? האָסט גאַרנישט מורא פאַר דעם קעניג?

ענטפערט דאָס מייזעלע:

— איך וויל דו זאָלסט מיר לאָזן אויסבויען אין וואַלד אַ היי-זעלע, פאַר מיר און נאָך אַ מייזעלע.

— וואָס קאָנסטו מיר פאַר דעם געבן? דו — פּיצל! — האָט דער לייב פון דעם געלאַכט. און דאָס קליינע מייזעלע, וואָס האָט

ניט קיין הייזלע, איז געשטאנען און האט געשוויגן.

פלוצלונג איז געווארן א שטארקער ווינט. זאמד און שטויב זיינען אין דער לופט געפלויגן, ביז א פאר זעמדעלעך זיינען אריין אין קעניג לייב׳ס אויגן.

רייבט דער לייב זיינע אויגן מיט זיין לאפע, וואס איז גראב און גרויס. און די זאמדעלעך ווילן ניט ארויס. ביז דעם קעניג׳ס אויגן האבן זיך פארמאכט אזוי, אז פון טאג איז ביי אים פלוצלונג געווארן נאכט.

וויבאלד אז ער קאן ניט זען, איז דאס קליינע מייזעלע ארויף אויף דעם לייב׳ס פלייצע, און גיט אים אן עצה:

— לאז מיך בויען אין דיין וואלד א הייזעלע, וועל איך דיר ווייזן, וואס עס קאן אויפטאן פאר דיר א פיצל מייזעלע.

דערהערט, אז עס קאן העלפן, האט דער לייב דעם געענטפערט:

— ס׳איז זייער נישט שיין פאר מיר, דעם קעניג, צו חבר׳ן זיך מיט דיר... אבער דאך, נעם ארויס די זאמד פון מיינע אויגן, וועט שוין אלץ טויגן . . .

האט דאס קליין מייזעלע גענומען א וויכן, גרינעם גראז און ארויפגעשפרונגען אויף דעם לייב׳ס נאז. עס האט געווישט און געווישט זיינע פארמאכטע אויגן ביז דאס זאמד איז ארויסגעפאלן.

אז דער לייב האט זיינע אויגן אויפגעמאכט, האט ער שוין מער ניט געלאכט. ער האט געזאגט:

— א דאנק דיר מייזעלע, גיי און בוי זיך א הייזעלע.

אבער ווי נאר עס איז פארטיג געווארן מיט׳ן בויען, האט עס דערזען, אז א קעניג קאן מען ניט געטרויען. עס האט דערזען, ווי לעבן דעם לייב ליגט א טיגער, און ביידע קוקן זיך פריינטלעך אין די אויגן. און א טיגער, האט עס געהערט, איז דאך א קאץ, איז פאר א קאץ לעבן דער מויז ניט קיין פלאץ.

און דער לייב מיט׳ן טיגער האבן זיך גע׳סוד׳עט און זייערע קעפ האבן זיך געהוידעט . . . דער טיגער האט מיט זיינע נאז-לעכער געשמעקט און האט זיך באצייטנס באלעקט. אבער אונזער מייזעלע איז ניט געווען קיין נאר, איז עס באצייטנס אנטלאפן פון דער געפאר.

דער גוטער פּאַטער און זיינע צוויי זין

(לויט אַ מעשהילע פון ביבל)

די זאַך האָט זיך געטראָפֿן איצט צי אַמאָל, כ'ווייס ניט אין וואָס פֿאַר אַ לאַנד, צי אויף אַ באַרג, צי אין אַ טאָל.

עס האָט דאָרט געלעבט טאַטע־מאַמע מיט זייערע צוויי זין. די מאַמע האָט די קי געמאָלקן און פּוטער אויפגעשלאָגן און דער טאַטע האָט דאָס האָלץ געטראָגן. איין ברודער האָט געטאָן, וואָס מען האָט אים געבעטן, נאָר דער צווייטער ברודער פלעגט זיך שטענדיק די האָר גלעטן, זיך געשפּיגלט אין טייכל, אָבער פאַרזוכט האָט ער פון יעדן מאכל. אַזוי זיך געזעסן און געגעסן.

אַז די מאַמע פלעגט אים זאָגן: „האָסט שוין געמעגט אַביסל וואַסער אָנטראָגן", פלעגט ער גלייך ענטפערן מיט אַ ווייכינקער שטים: „איך האָב ליב צו שפּאַצירן, אַזוי וויל איך זיך פירן. מיין ברודער האָט ליב אַרבעטן, גיי צו אים!"

אַזוי זיינען אַוועק יאָרן נאָך יאָרן. אַלע האָבן זייער שווער געאַרבעט, און ער איז אַלץ אַ גרעסערער פוילענצער געוואָרן. דער אַרבעט־וויליגער ברודער פלעגט שטיינער שלייפן, און דער פוילער פלעגט אַרומגיין און פייפן. ביז איין טאָג האָט אים דער טאַטע געפרעגט: „וואָס דענקסטו, מיין זון? אַ גרויסער, געזונטער ווי דו, און רירסט זיך צו קיין אַרבעט ניט צו". האָט דער זון געשוויגן, געשטאַנען שטיל און געהערט. דערנאָך האָט ער דעם טאַטן דער־קלערט:

„הער, טאַטע, איך האָב ניט ליב צו לעבן דאָ, הינטער דער שטאָט. איך וויל מיין חלק געלט, און איך וועל אַוועק פון דער היים, זען וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט..."

האָט דער טאַטע אים געוואָלט אָפּריידן פון פאַרלאָזן די היים, אים דערקלערט און דערקלערט... די מאַמע מיט'ן ברודער זיינען

געזעסן און געהערט, אָבער דער זון האָט גע׳טענה׳ט — איין מאָל ניין! ער וויל פון דער היים אַוועקגיין! גיין וואו מען זינגט און טרינקט.

האָט אים דער טאַטע געגעבן זיין חלק געלט און געזאָגט:
„גיי, טו וואָס דיר געפעלט".

די מאַמע האָט געוויזן ווי איר טוט וויי דאָס האַרץ. זי האָט זיך די אויגן געווישט און געוויינט, אַז איר פאַרדריסט.

ווי אַ פויגל, פריי פון זאָרג, האָט ער איין פרימאָרגן געזאָגט „אַ גוטן טאָג" צו די נאָענטסטע, וואָס ער האָט, און אַוועק אין דער פריילעכער גרויסער שטאָט. גייענדיג, איז ער אונטערגעשפרונגען און האָט אונטערגעזונגען, צו די פייגעלעך געריידט און געלאַכט, און געשפּילט אויף׳ן פייפל, וואָס ער האָט זיך אַליין געמאַכט. ער האָט פון וויטן דערזען אַ גרויסע ליכטיגע שטוב (וואָס מען רופט איצט אַ נאַכט-קלוב).

דערהערט געלעכטער און געזאַנגען, איז ער גלייך אַהין אַריינגעגאַנגען. דאָרטן האָבן לוסטיג-גייער זיך געדרייט און געפרייט. ביי לאַנגע טישן איז מען געזעסן, געטרונקען און געגעסן, געשפּרונגען און געשטיפט און פון די מיילער האָט דער וויין געטריפט. אַ שיינע מיידל איז געזעסן אויף דער ערד און געשפילט אויף דער גיטאַרע. דערזען אַ יונגן מאַן, האָט מען געמאַכט פאַר אים אַ וואַרע, אײַנמיטן אים גענומען, געזאָגט וואָס פאַר אַ שיינע קליידער ער טראָגט. און אַז ער האָט אַרויסגענומען אַ זעקעלע געלט, האָבן זיך די פריילעכע טרינקער אַרום אים אַרומגעשטעלט און די שיינע טענצערינס האָבן צו אים געוואונקען, ביז אַלע צוזאַמען האָבן זיין געלט פאַרטרונקען . . .

אַז ער האָט קיין געלט מער ניט געהאַט, האָט ער קיין גוטע פריינט מער ניט געקענט געפינען, איז ער געגאַנגען זוכן עפּעס צו פאַרדינען. אָבער ווי איינער האָט נאָר דערזען זיינע העמד, האָט מען גלייך דערקענט, אַז ער וועט זיך צו אַרבעט ניט טויגן, ווייל זיי זיינען געווען דין און צאַרט, ווי ראָזעווע בלומען, האָט אים קיינער צו דער אַרבעט ניט גענומען.

ביז איין טאָג, ווען ער איז געשטאַנען לעבן אימעצנס טויער,

אַ דאַרער, אַ בלאַסער, און האָט געבעטן אַ טרונק וואַסער, האָט אים דער באַלעבאָס געפרעגט:

„ווילסט געבן עסן מיינע חזירים, זיי פיטערן און ריייניקן זייער שטאַל? אויב יאָ, קאָנסטו שלאָפן מיט זיי און פאַרדינען דיין ברויט“.

„איך בין גרייט“, האָט דער הונגעריקער בחור געענטפערט, און זיך געלייגט שלאָפן צוזאַמען מיט די חזירים, ווי זיי וואָלטן געווען זיינע חברים.

אַז ער האָט שוין מער ניט געקענט פאַרטראָגן זיינע ליידן, זיין ברודיקן געלעגער, זיין צעריסענע העמד, האָט ער איינגעזען, אַז עס איז ניט קיין אָרט פאַר אים אין דער פרעמד. אָבער נאָך אַ פאָר יאָר האָט ער זיך געשעמט אַהיים פאָרן. „אוי, וויי איז צו מיר, מיין טאַטע וועט ניט עפענען פאַר מיר די טיר!“

די מוטער האָט קיין איין נאַכט ניט געשלאָפן. זי האָט ניט געוווּסט וואָס מיט איר זון האָט זיך געטראָפן. זי איז געזעסן, איר קאָפּ אָנגעשפּאַרט ביים פענצטער, און האָט געוואַרט, ניט אויפ־געהערט האָפן און ניט געשלאָפן.

איין פאַרנאַכט, מיט דער אונטערגאַנג פון דער זון, האָט די מאַמע דערזען איר זון. כאָטש ער איז געווען אָפּגעריסן און פון דער זון פאַרברוינט, האָט זי אים גלייך דערקענט.

„אונזער זון, זע, מיין מאַן, ער קומט צוריק אַהיים!“ — האָט די מאַמע אויסגערופן.

איז דער פאָטער געגאַנגען דעם זון אַנטקעגן, אָבער דער זון איז געגאַנגען זייער פּאַמעלעך, זייער שטיל, ווי אַ מענטש אָן אַ היים, אָן אַ ציל. אָבער דער גוטער טאַטע איז צום זון צוגעגאַנגען און אים גענומען דער ערשטער זיין האַנט דערלאַנגען: „זון, מיין זון! דו דאַרפסט זיך ניט שעמען, איך וועל דיך צוריק אין מיין היים אַריינעמען“.

און דער זון, אַן אָפּגעריסענער, אַ דאַרער און פאַרשוואַרצטער איז געשטאַנען און געוויינט אַנטקעגן דעם פאָטער.

פאַרנאַכט, אַז די פאַמיליע איז אַרום טיש געזעסן, האָט זיך דער זון געשעמט צו עסן, ווייל דעם ברויט האָט ער ניט פאַרזייט.

אַלע האָבן אים געבעטן, ער זאָל פאַרגעסן און עסן.

אָבער אויף מאָרגן גאַנץ פרי איז ער דער ערשטער אויפגע־שטאַנען און געגעבן עסן די פי, צעגראָבן די ערד. דערנאָך זיינען ביידע ברידער זייער גוט געוואָרן, האַנט ביי האַנט האָבן זיי גע־אַרבעט, און דער ברודער האָט דעם צווייטן דערציילט וואו ער איז געווען, און וואָס ער האָט געזען.

פון דעמאָלט אָן האָט דער צוריקגעקומענער זון אַלץ געטאָן מיט'ן ברודער. גלייך נאָך דער אַרבעט זיינען ביידע געגאַנגען זיך באָדן אין טייך און געשפּילט אויף די פייפלעך פון האָלץ און טאַטע־מאַמע זיינען געווען מיט דעם געקומענעם זון שטאָלץ. און יעדער האָט געליבט און געשעצט דעם גוטן טאָטן.

אַזוי האָט דאָס עמיצער אין דער ביבל פאַרשריבן, און עס איז אויף דורות פאַרבליבן.

דער שיכור

איך קען אַ מאַן, וואָס איז אַ גרויסער שיכור. טרינקען בראַנפן איז ביי אים דער עיקר. ער איז גראַד אַ גוטער סטאָליער און ניט קיין פוילער, האָט צוויי שטאַרקע געראָטענע הענט, און ער האָט מיט זיי אַ סך הייזער געבויט און ער האָט אויפגעשטעלט די העכ־סטע ווענט. אַליין שלאָפט ער אין וואַלד, אין גריבער, און אַז עמיצער לאָזט אים ערגעץ שלאָפן, ווילן זיי פון אים גלייך ווערן פטור, ווייל ער כראָפּעט אַזוי ווי אַ קאָטער, זינגט, שפּרינגט, וויינט און לאַכט, אַז מען קאָן פון אים ניט שלאָפן די גאַנצע נאַכט.

ער האָט קיינעם ניט אין דער וועלט. אַ כלה וויל אים ניט נעמען, ווייל זי וועט זיך דאַרפן מיט אים שעמען.

רופט זיך איין מאָל אָן צו אים אַ גוטער מאַן, אַזוי ווי ער וואָלט געווען זיינער אַ פעטער: „איך וויל דיר געבן ליים, טשוועקעס און ברעטער, נאָר נעם און בוי זיך אויס אַ היים". האָט דער שיכור גענומען דעם ליים, טשוועקעס און האָלץ און איז געווען זייער שטאָלץ, אָבער געענדיגט האָט זיך פונקט פאַרקערט. גייט זיך אַזוי אַ גוטינקער, אַ שטילער ווי אַ הון, און דערזעט אויפ׳ן וועג אַ סאַלון, איז ער אַריין, זיך צוגעכאַפּט צום בראָנפן, צום וויין, דערנאָך איז ער געגאַנגען בויען זיין הויז.

האָט איר געדאַרפט אָנקוקן אַ הויז! עס פּאַסט אפילו ניט פאַר אַ מויז! פענצטער ווי בלינדע אויגן, אַ קוימען קרום, איינגעבויגן; טרעפּ צעדרייטע, מען קאָן אויף זיי ניט גיין; טירן הענגען און ווען מען עפנט זיי נעמען זיי קוויטשען.

פרעגט איר דעם שיכור פאַרוואָס ער האָט געבויט אַזאַ הויז? ענטפערט ער, אַז אַזאַ הויז האָט ער ליב, ווייל אַזאַ הויז איז אַ שיכור׳ע הויז ווי ער אַליין. ער האָט פיינט דאָס, וואָס קען גלייך שטיין.

און ער זיצט אויף זיינע קרומע טרעפּן, ער וועט, חלילה, קיי־

נעם ניט טשעפּען. ער שמייכלט אַנטקעגן דער זון, און טראַכט וועגן סאַלון . . .

קומט צו אים דער מענטש, וואָס איז אים געוואָרן ווי אַ פֿעטער און פֿרעגט: „אַט דאָס האָסטו געמאַכט פֿון מיינע ברעטער?" לאַכט ער און ענטפֿערט: „איך האָב פֿיינט אַלץ וואָס איז גלייך. איך ליב אַלץ וואָס גייט אַרום קרום".

דערנאָך נעמט ער זינגען מיט אַ שיכור'ן ניגון און צום טאַקט זיך וויגן. דער קוימען, די טירן, דער דיל און די ווענט און ער קלאַפּט צו מיט די הענט.

אַז קינדער האָבן צייט און וואוינען ניט ווייט, קומען זיי זען דעם שיכור'ן סטאָליער מיט זיין שיכור'ע הויז. זיי שטייען פֿון אים אַביסעלע ווייט און ער זיצט זיך אויף די קרומע ווענט, טראָגט זיין היטל אויף אַ זייט, טוט זיך אַביסעלע שעמען, וואַרפֿט ער זיי ניקלס, ווילן זיי ניט נעמען. לייגט ער זיך אויף זיין קרומען דיל און וויינט ווי אַלס קינד אַמאָל. דעמאָלט הערט ער זיין מאַמעס קול:

— זאָלסט זיין, מיין קינד, אַ גוטער און אַ וואוילער, און דיין טאַטע וועט דיר לערנען זיין אַ סטאָליער, נאָר דער עיקר זאָלסט ניט זיין קיין שיכור. — וויגט זיך דאָס שטיבל ווי אַ בוימל אין ווינט און אים חלום'ט זיך, אַז ער איז ניט קיין שיכור, נאָר אַ קליין קינד.

אַ מעשה וועגן אַ נאַריש אינגל, וואָס האָט אויפֿגעטאָן אַ קלוגע זאַך

1.

אַלע סאָלדאַטן אין קעמפּ וויקטאָרי זיינען שוין געשלאָפֿן, נאָר די צוויי פֿריינט לעסלי און עדי זיינען געלעגן און ניט געקאָנט איינשלאָפֿן. עדי האָט געטראַכט ווי טרויעריג עס איז צו זיין אַ יתום. צו אַלעמען קומט מען, נאָר צו אים קומט קיינער ניט. איז ווי ער טראַכט אַזוי, הערט ער לעסלי'ס קול, ווי ער פֿרעגט אים שוין אפשר צום הונדערטסטן מאָל:

— זאָג נאָר, „באדי", האָסט גאָר קיינעם ניט אין דער גאַנצער וועלט? פאַרוואָס קומט קיינער ניט צו דיר?

עדי איז בייז געוואָרן פון זיין פריינד'ס נאַרישע פראַגע און געענטפערט:

— עס איז דערפאַר, אַז דו זאָלסט האָבן וועגן וואָס צו פּלאַפּלען.

אָבער עדי האָט שוין ניט געקאָנט איינשלאָפן. מאָרגן קומט מען געוואויר ווערן צו די סאָלדאָטן, מען ברענגט זיי פּעקלעך און אים קומט קיינער ניט זען. פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער גוטער מיסעס גודפרוי, וועלכע פלעגט אים געבן אַ טאָג אַרבעט. ער פלעגט ביי איר שניידן דאָס גראָז אַרום הויז, אויספּוצן די פענצ־טער. ער וועט אָנשרייבן אַ בריוו צו איר און ער וועט דערציילן לעסלי'ן, אַז ער שרייבט עס צו זיין באָבען, און אַז ער האָט גע־זען, אַז לעסלי דרייט זיך איבער מיט'ן פּנים צו אים, האָט ער גיך אַרויסגערעדט:

— דו גייסט שוין ווידער פרעגן וועמען איך האָב? איך האָב אַ באָבע. איצט איז דיר בעסער?

אויף מאָרגן גאַנץ־פרי האָט ער אָנגעשריבן דער מיסעס גוד־פרוי אַ בריוול, דערציילט איר וואו ער איז, אָבער ניט געהאַט קיין מוט זי אָנצורופן באָבע, זי איז דאָך פאָרט אַ פרעמדע פרוי.

2.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זיצט אַזוי ביי אַן אָפענעם פענצטער די מיסעס גודפרוי און קוקט, ווי די מאַמעס גייען אַרום אין גאַס און וואַרטן אויפן בריוו־טרעגער און זי טראַכט, ווי גוט ס'וואָלט איר געווען ווען זי האָט קינדער און קאָן אויך וואַרטן אויף בריוו. איצט האָט זי נאָר אַ קאַץ, אַ פייגעלע. קומט צו אַ פרוי און פרעגט:

— וואָס וואַרט איר? איר האָט דאָך ניט קיין קינדער.

די פרוי האָט געוואַרט אויף אַ בריוול פון איר זון לעסלי'ן, און כאָטש זי האָט אַוועקגעגעבן אַ סך נאַרישקייט צו איר זון, האָט זי אַביסעלע געלאָזן פאַר זיך, און געפרעגט דער עלנטער פרוי אַזאַ נאַרישקייט. אָבער פלוצלונג קומט צו דער בריוו־טרעגער און דער־לאַנגט איר אַ בריוול. „אַ בריוול פאַר מיר!" — האָט מיסעס גוד־פרוי אַרויסגעשריען. „פון וועמען?" אָבער גלייך האָט זי איבער־

געלייענט, אַז עס קומט פון עדי׳ן. זי האָט געלייענט:

„איך ווייס, אַז איר קענט ניט פאָרן צו מיר איבער אייער קראַנקער פוס, אָבער זייט אַזוי גוט און שרייבט צו מיר, ווייל אַלע קריגן בריוועלעך, נאָר איך ניט. עדי״.

.3

ווען באַזוכער קומען אין קעמפּ אַריין, רוקט זיך עדי ערגעץ אַוועק. ער ווייס, אַז צו אים וועט קיינער ניט קומען. אָבער לעסלי שטייט אַלע מאָל ביים אַריינגאַנג און נעמט איבער זיינע געסט און דערזעט דערווײַלע אַ סך געסט וואָס קומען צו אַנדערע. איין מאָל, זונטאָג, אין דער פרי, זעט לעסלי אַן אַלטע פרוי קומט אַריין. זי איז אָנגעשפּאַרט אויף אַ שירעם, זי קוקט און זוכט. לויפט איר לעסלי אַנטקעגן און פרעגט: „וועמען זוכט איר?״ „איך זוך עדי גודבאַי״, ענטפערט די אַלטע פרוי. דערפרייט זיך לעסלי און שרייט אויס: „העי, דער! העי, עדי! דיין גרענדמאַ איז היר, דיין באָבע!״ זיין באָבע? — טראַכט די אַלטע עלנטע פרוי. זי האָט שוין אַן אייניקל און אַ פריידיגער ציטער איז דורך איר מידן קערפּער. עדי איז געשטאַנען ערגעץ ווייט אַוועק פון אַלעמען. ווען ער האָט דערהערט לעסלי׳ן רופן, איז ער צוגעקומען. „אָט איז דיין באָבע!״ עדי איז זייער רויט געוואָרן. דערנאָך האָט ער דער גודפרוי אַוועקגערופן אַן אַ זייט און אַלץ דערקלערט:

— שעם דיך ניט, זון, דו האָסט מיך אַדאָפּטירט פאַר אַ באָבע. אַ דאַנק דיר.

ביידע האָבן געלאַכט מיט טרערן אין די אויגן.

איצט פּוצט גודפרוי אויס אַ צימער פאַר איר אייניקל, וואָס האָט זי געמאַכט פאַר זיין באָבען. איר פוס טוט איר שוין ניט אַזוי וויי. זי זיצט און וואַרט אויף בריוועלעך פון עדי׳ן און ער שרייבט איר זייער אָפט. און אַז לעסלי׳ס מאַמע קומט פאַרביי, ווייס זי גאָרניט, אַז איר נאַרישער אינגל, וואָס פלעגט פרעגן ווען מען האָט ניט געדאַרפט, האָט אויפגעטאָן אַ קלוגע זאַך. ער האָט צונויפגע־בראַכט צוויי עלנטע מענטשן. אַז עדי, דער יתום, וועט קומען פון דער אַרמיי, וועט ער געפינען אַ צימער און אַ גוטע פרוי פאַר זיין באָבע׳ן.